איך מיין, אַז אידישע מוזיקאַנטען, דאָס הייסט, אונזערע חברה כלי־זמר, זענען פאַר זיך גאָר אַ בעזונדערע וועלט, און ס'איז כדאַי אַריינצוקוקען אין זייער לעבען אַריין פיעל טיעפער, אַלס איך האָב עס געטהאָן אינ'ם דאָזיגען ראָמאַן. מע בעדאַרף דערצו האָבען אייער אויג, זיידע לעבען, אייער פעדער מיט אייער התמדה.

אַך, וואו נעמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד וואו נעמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איהר מיר אין איין אַנדערען בריעף — איבער אַ ווערק, ליעב איינִיקעל, בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף אַרבייטען, פיילען איטליכס וואָרט; געדענקט, וואָס איך זאָג אייך — פיילען, פיילען!"

פיילען! אָט דאָס איז טאַקי די צרה מיט אונז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבען קיינמאָל קיין צייט ניט און חאַפּען־אָפּ דאָס גאַנצע ווערק, שטעהענדיג, ווי מע זאָגט, על רגל אחת, טאַקי אין איין אָטהעם, נישט אָפּגעשטעלט זיך אויף יעדען געדאַנק, אויף יעדען וואָרט בעזונדער, צו אַרבייטען און פיילען, ווי איהר טהוט. איך וויים, ליעבער זיידע, איך פיהל עס, ווי נויטיג עס איז געווען איבערצולייטערען „סטעמפּעניו'ן" אין עטליכע וואַסערען. אוודאי ביי אייך וואָלט סטעמפּעניו בעקומען גאָר איין אַנדער פּנים; פון אייערע הענד וואָלט ער אַרויס אַנדערש, גאָר אַנדערש; ביי אייך, זיידעניו, וואָלט שוין דאָ געווען אַ „מעשה איבער אַ מעשה", אַ „מעשה אין אַ מעשה" און „די מעשה אַליין".

„איך האָב ליעב, — זאָגט איהר ווידער אין אַ בריעף — אַז חוץ דעם שענעם פּנימ'על זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיגען מענשען; אַ קאַרטינקע בעדאַרף, חוץ שענע מליצה, אויך מיד לאָזען עפּיס הערען"...

אָט דער סוד איז אָבער אַנטפּלעקט נאָר אייך אַליין און ווייטער קיינעם ניט; בעשאַפען בילדער, וואָס זאָלען האָבען אין זיך צוויי געשטאַלטען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, איין אויבערצייג מיט איין אונטערשלאַג, אַזוי אַז אינ'ם אָפענעם זאָל ליגען בעהאַלטען אַ פערבאָרגענעס, אַ תוך־זאַך — דערויף, זיידע לעבען, זענט איהר נאָר אַליין דער איינציגער קינסטלער אין אונזער ליטעראַטור, און ווער קאָן זיך צו אייך גלייכען? מיר, יונגוואַרג, דאַנקען גאָט, ווען די מעשה אַליין קומט ביי אונז אַרויס בשלום, אָהן אַ מום, מיט אַלע אברים פון אַ ליטעראַריש בעשעפעניש.

נעמט זשע אויף, ליעבהאַרציגער זיידע לעבען, די מתנה — מיין ערשטען אידישען ראָמאַן, ויהי רצון, און ס'זאָל זיין דער גוטער ווילען פון זיין ליעבען נאָמען, אַז מיין סטעמפּעניו זאָל געפינען לייטזעליגקייט אין אייערע אויגען, און איהר זאָלט האָבען נחת, ווי איהר ווינשט זיך אַליין, פון אייער איבערגעבענעם איינִיקעל

דעם מחבר.

קיעוו, 1886

"A work," you tell me in another letter, "a work, my dear grandchild, one must sweat over; one must work, polish every word; remember what I tell you: polish, polish!"

Polish! That's the very trouble with us, we young guys: we never have time and rattle-off the whole work, standing up, or, as we say, in brief, really, in one breath, not stopping at every thought, at every word, separately, to *work* and to *polish,* as you do. I know, dear grandfather, I feel it, how necessary it was to purify *Stempenyu* in several solutions. Of course, with you *Stempenyu* would have acquired a different appearance; from out of your hands he would have emerged differently, quite differently. With you, dearest little grandfather, there would have been here "a story over a story," a "story within a story," and "the story itself."

"I like," you say, again in a letter, "that besides a pretty little face, a scene should also possess life, sense, and thought, as with a living human being; a scene, besides displaying beautiful, flowery language, *must also say something worth hearing...*"

But the secret for this has been revealed only to you and to no-one else: creating pictures which have within them two figures, a front and a back side, a top and a bottom, so that within the obvious lies hidden something concealed, a quintessence—for this, grandfather dear, you are the only artist in our literature, and who can compare himself to you? We, youngsters, thank God if the story itself comes out in one piece, without a deformity, with all the organs of a literary creation.

Accept, then, gracious grandfather dear, this gift—my first Yiddish novel, which came to pass with God's will, and may it be the good will of God's sweet name that my *Stempenyu* should find favor in your eyes, and that you should derive pleasure, such as you should wish for yourself, from your devoted grandchild,



The Author,
Kiev, 1886

I.

## סטעמפּעניו'ס יחוס.

סטעמפּעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש, וואָס איז איהם איבערגעגאַנגען בירושה פון זיין טאַטען; זיין טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַ כלי־זמר, האָט געהייסען בערעל באַס, אָדער „בערעל סטעמפּעניר", פון סטעמפּעני, אַזאַ דאָרף אינ'ם געגענד פון מאַזעפּעווקע, געשפּיעלט אויפ'ן באַס און איז אויך געווען אַ גוטער בדחן, אַ שענער גראַם־זאָגער, אַ פערשלעפּטע קרענק, האָט זיך פערשטעלט אויף אַלע חתונות פאַר אַ בעטלער, איבערגעקעהרט די אויגען, געטאַנצט ווי אַ בער, נאָכגעמאַכט ווי אַ אידינע געהט צו קינד און שרייט: „באַבעניו, איך שוועהר אייך ביי אַ פּאָר תפלין, אַז עס וועט מעהר אַזוי נישט זיין!"... אָדער געלאָזט פלוצים אַ וואַסער אין מיטען שטוב, אַזוי אַז אַלע אידען האָבען פערקאַטשעט די פּאָלעס און די ווייבער האָבען אונטערגעהויבען די קליידלעך; אָדער גאָר אויפגעהאַנגען אַ לונג־און־לעבער דער מחותנת'טע אויפ'ן פאַרטוך, און נאָך אַזעלכע אָנשטעלען און קונצען לרוב.

כלי־זמריי איז ביי זיי געגאַנגען בירושה פון אַ סך דורות: בערעל באַס, אָדער בערעל סטעמפּעניר, ווי מיר ווייסען שוין, האָט געשפּיעלט אויפ'ן באַס; בערעל'ס טאַטע, רב שמואל'יק טראָמייט, האָט געשפּיעלט אויפ'ן טראָמייט; זיין זיידע, רב פייביש צימבלער, האָט געשפּיעלט אויפ'ן צימבעל, און זיין עלטער־זיידע, רב אפרים פּאַיאַל... הכלל, סטעמפּעניו קומט־אַרויס פון כלי־זמרים ביז צעהן דורות — און ער שעמט זיך דוקא ניט דערמיט, ווי ביי אידען, צווישען אונז רעדענדיג, שעמט זיך דער בעל־מלאכה מיט זיין גראַד; און עס איז גאָר קיין חידוש ניט: אַזאַ נאָמען, ווי סטעמפּעניו האָט געהאַט אין מאַזעפּעווקע, אַזאַ שם, ווי ער האָט זיך געקויפט אויף דער גאַנצער וועלט כמעט, איז ניט קיין קליינינגקייט. אַ ווערטעלע אויסצורעדען — סטעמפּעניו!

אַ זכיה איז געווען אומעדום ביי אידען, אַז מע האָט געהאָרכט ניסי בעלזער זינגען, גדיק בדחן — זאָגען, און סטעמפּעניו'ן — שפּיעלען. דערפון קאָנט איהר זיך שוין מעלדען, אַז סטעמפּעניו איז ניט געווען קיין פּשוט'ער כלי־זמר, קיין אבי־ווער, און מסתמא האָט ער זיך פערדיענט אַזאַ שם צווישען אַלע גרויסע נישט אומזיסט. אידען האָבען ליעב מוזיק און פערשטעהען נגינה — דאָס וועלען אונזערע שונאים אויך ניט אָפּלייקענען, און הגם, אַז מע וויל שמועסען צוריק, קומט דאָך דעם אידען אויס צו הערען מוזיק עפּיס ניט אַזוי אָפט, דען וואָס איז מיט אונז אַזוי די שמחה, מיר זאָלען זיך פלוצים פערנעמען מיט שפּיעלען אָדער טאַנצען? דאָך, איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט, זענען מיר פאָרט מבינים, שאַרפע מבינים הן אויף זינגען, הן אויף שפּיעלען, הן אויף אַלע אַנדערע זאַכען. צו אונז אַז עס קומט אַראָפּ אַ חזן, לויפען מיר אויף בילעטען איהם הערען, און כלי־זמר אויף אַ חתונה איז דאָך אוודאי ביי אונז אַ חיוב. הערען ווי די „קאַפּעליע" שפּיעלט אַ „שטיקעל" צו דער גילדענער יויך, געוועהנליך, נישט קיין פריי־ליכס (אַ פרייליכס אויף שפּעטער) — דערפאַר וועלען מיר אוועקגעבען אַ זאַק באָרשטש. דער עולם זיצט מיט גרויס דרך־ארץ, און די כלי־זמר שפּיעלען איין אומעטיגס, אַ „מאָראַלנע", אַ וויינענדיגס. דאָס פּיעדעלע וויינט, פערגעהט זיך אויף דער גראָבער סטרונע, און די איבעריגע חברה האַלט איהם אונטער אויך גאַנץ טרויעריג. עס פאַלט־אָן אויפ'ן עולם אַ שטיקעל מרה־שחורה, און יעדער ווערד ווי פערזאָרגט, אפילו גאַנץ אַנגענעהם, נאָר פערזאָרגט: יעדער פערטראַכט זיך, לאָזט־אַראָפּ די נאָז, און רייבענדיג מיט'ן פינגער אין טעלער, אָדער קנעטענדיג קייקעלעך פון דער פרישער חלה, פערטיעפט זיך יעדער אין זיינע געדאַנקען, אין זיינע טרויעריגע געדאַנקען, דען יעדער האָט זיך מסתמא זיין זאָרג, און קיין צרות דאַרף אַ איד ניט געהן לייהען. און אַזוי ווערד צענויפגעגאָסען דאָס אומעטיגע שפּיעלען מיט די טרויעריגע מחשבות אינאיינעם, און יעדער קרעכץ פונ'ם פּיעדעלע „טיאָך־טיאָך־טיאָך" רופט זיך אָפּ ביי די חתונה־לייט אין האַרצען און געפינט דאָרט אַ וויעדער־קול. דאָס האַרץ בכלל, און דאָס אידישע האַרץ בפרט, איז אַ פּיעדעלע: מע קוועטשט די סטרונעס און מע ציהט פון דעם אַרויס פערשיעדענע, און צום מיינסטען טרויעריגע, וויינענדיגע ליעדער... מע דאַרף נאָר האָבען דערצו אַ רעכטען מוזיקאַנט, אַ בריה, אַ כלי־זמר, אַזאַ בריה, ווי סטעמפּעניו איז געווען.

אוי, איז סטעמפּעניו געווען אַ בריה! ער פלעגט אַ חאַפּ טהון דאָס פּיעדעלע און אַ פּיהר טהון מיט'ן סמיק, איין פּיהר טהון, נישט מעהר, פלעגט דאָס שוין אָנהויבען ביי איהם צו רעדען. אָבער ווי אַזוי, מיינט איהר, רעדען? טאַקי מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי, להבדיל, אַ לעבעדיגער מענש. רעדען, טענה'ן, זינגען מיט אַ געוויין, אויפ'ן אידישען שטייגער, מיט אַ גוואַלדערניש, מיט איין אויסגעשריי פונ'ם טיעפען האַרצען, פון דער נשמה. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפּעניו פערוואַרפען אויף אַ זייט, די לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע האָר צעוואָרפען אויף זיינע ברייטע אַכסלען, די אויגען, די שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, פערריסען אַרויף, און דאָס שענע ליכטיגע פּנים פלעגט ביי איהם ווערען מיט אַ מאָל בלייך, ווי דער טוידט; אָט נאָך איין מינוט — אויס סטעמפּעניו! מע זעהט נאָר, ווי אַ האַנד פליהט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און עס הערען זיך פערשיעדענע קולות, און עס גיסען זיך אַלערליי מיני געזאַנגען, און אַלץ אַזעלכע אומעטיגע, טרויעריגע, אַז עס נעמט־אָן ביי'ם האַרצען, עס ציהט ביי דער נשמה, עס נעמט־אַרויס דאָס געזונד. דער עולם געהט־אויס מיט אַלע כחות, מע שטאַרבט, מע שטאַרבט מיט אַלע אברים. דאָס האַרץ ווערד פול, צעווייקט, און עס שטעלען זיך

# *Stempeniu:*

A JEWISH ROMANCE
BY SHOLOM ALEICHEM

## STEMPENIU'S ESCUTCHEON

Stempeniu. That was a sort of nickname he inherited from his father. His dad, may he rest in peace, was a musician, he was known as Beryl the Bassist or Beryl of Stempeni, a village in the area of Mazepevke. He played the bass and he was also a good wedding Jester, a fine rhymester, a crafty prankster, he disguised himself as a beggar at all weddings, twisted his eyes, danced like a bear, mimicked a woman in labor yelling "Oh God, oh God, I swear on a stack of Bibles it'll never happen again!..." Or else he let out a stream of water in the middle of a room so that all the men rolled up their coattails and the women lifted their skirts. Or else he hung some sort of rubbish on the mother-in-law's apron, and he played further tricks and hoaxes galore.

They had been musicians for generations. Beryl the Bassist or Beryl of Stempeni, as we know, played the bass. Beryl's father, Shmulik the Trumpeter, had played the trumpet. His grandfather, Faivish the Cymbalist, had played the cymbals, and his great-grandfather, Ephraim the Violist.... In short, Stempeniu came from a long line of musicians, and he wasn't the least bit ashamed (unlike many Jewish craftsmen, who, just between you and me, are ashamed of what they are). And no wonder: The name he made for himself in Mazepevke, the renown he acquired throughout the world—those were no mean accomplishments. Now *there* was a musician for you!

It was an honor for Jews everywhere to hear Nissi Belzer sing, Godik the Wedding Jester recite, and Stempeniu play. Which goes to show that Stempeniu was no run-of-the-mill fiddler, no garden-variety performer, and there must have been solid reasons for the fame he enjoyed among the great. Jews love music and have an ear for song—which even our enemies cannot deny.... Though you may counter that Jews don't get that many chances to listen to music—what reasons do we have for celebrating? How often can we just start playing or dancing at the drop of a hat? But, say what you like, we are still mayvens, experts on singing, playing, and everything else. Why, if a cantor should come to town, we all go running for tickets, and having musicians at a wedding is a downright obligation for us, we would give a bag of borscht just to hear the band playing as the happy couple begin to sip the golden broth—not a merry ditty, of course, a merry one comes later. The company sits about in great respect, the musicians play a doleful tune, a mournful, plaintive dirge. The fiddle weeps, and the rest of the band accompanies it very sorrowfully. The audience is seized with melancholy, and everyone feels grief, a pleasant grief, but still a grief. Each guest becomes wistful, lowers his head, and, rubbing his finger on his plate or kneading balls from the fresh challah, he drifts off in his own thoughts, his own sad thoughts, for each guest must have his own worries, and trouble is one thing a Jew doesn't go borrowing. And so, the gloomy playing and the dismal thinking fuse into one, and every moan of the violin touches the hearts of the wedding guests and finds an echo there. Any heart, especially a Jewish heart, is a fiddle: You squeeze the strings and you draw forth all kinds of songs, mostly sad and gloomy songs.... All you need is the right musician, a master violinist, the kind of master that Stempeniu was.

Oh, what a master he was! He would grab the violin and apply the bow, just one stroke, nothing more, and the violin had already begun to speak. And how do you think it spoke? Why, with words, with a tongue, like a living human being—if you'll forgive my mentioning them in the same breath. It spoke, pleaded, crooned tearfully, in a Jewish mode, with a force, a scream from the depths of the heart, the soul. Stempeniu would lean his head to one side, the long, black shock of hair flowing across his wide shoulders, his eyes, his black, burning eyes, peering upward, and his lovely radiant face would suddenly turn as pale as death. Another minute—and no more Stempeniu! All you could see was a hand flying up and down, up and down, and you could hear all kinds of sounds, and all sorts of singing came pouring out, dark, melancholy, cut-

טרערען אין די אויגען. אידען זיפצען, אידען קרעכצען, אידען וויינען. און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואָס סטעמפעניו? פרעגט איהם בחרם, וואו ער איז אין דער וועלט? ער טהוט זיך זיינס: „טיאָך־טיאָך־טיאָך“ — און גענוג! און אז ער הערט־אויף צו שפּיעלען, טהוט עס אַ שמיץ דאָס פּיעדעלע און נעמט זיך אָן ביי'ם הארצען; די אויגען ברענען איהם דעמאָלט ווי צוויי הבדלות, און זיין שען פּנים שיינט, ווי די גאַנצע וועלט. דער עולם חאַפּט זיך אויף ווי פון אַ שלאָף, פון אַ טרויעריגען נאָר אַ זיסען שלאָף, און אַלע אידען הויבען־אָן ארויסצוזאָגען זייער התפּעלות, אַלע אין איין קול. מע אַכקעט, מע אָכקעט, מע לויבט, מע שמוצערט, מע וואונדערט זיך, מע קאָן זיך גאָר ניט אָפּלויבען.

— ננגו, סטעמפּעניו! אַי, סטעמפּעניו!

און די ווייבער? פון די ווייבער איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען. ס'איז אַ גרויסער ספק, אויב עס ווערד אין שוהל ערב יום־כפּור צו קנויטלעך לעגען פערגאָסען אזוי פיעל טרערען, וויפיעל טרערען עס פלעגט דאָ אויסגעגאָסען ווערען ביי סטעמפּעניו'ס „שטיקלעך“; אויף חורבן בית־המקדש דאַרף מען אזוי פיעל ניט וויינען, ווי די ווייבער האָבען געוויינט בשעת סטעמפּעניו'ס שפּיעלען.

— לאָז מיך גאָט בענטשען, אז אויף מיין קלענערער טאָכטער'ס חתונה זאָל איך קאָנען אראָפּברענגען סטעמפּעניו'ן, רבונו של עולם!

אויף אזאַ אופן האָבען זיך געווינשעוועט די ווייבער, אויסגעווישען זיך די פערשוואָלענע רויטע אויגען און אויסגעשנייצט זיך דאָס איבעריגע ביסעל נאָז, און דערנסטמאָל, בשעת ווינשעווען, האָבען זייערע העלזער פּערעל מיט די גילדענע אויהערינגלעך, מיט די פינגערלעך, מיט די בראָשען, גאַרגעל־קייטען און מיט דער איבעריגער אידישער ציערונג געשיינט און געבלישטשעט און געפינקעלט מיט פייער.

און ווער שמועסט די מיידלעך, די „מאַמזעלען“, — די זענען גאָר געבליבען שטעהן צוגעקאָוועט צו זייערע ערטער, ווי די טאָקען, געקוקט אויף סטעמפּעניו'ן מיט זיין פיעדעלע, נישט גערירט מיט קיין אבר, נישט געפינטעלט מיט קיין אויג; נאָר וואו ניט וואו, דאָרט ערגיץ אויף יענער זייט קאָרסעט, קלאַפּט דאָס הערצעל: טיק־טיק־טיק, און עס חאַפּט זיך ארויס אָפטליך פון דאָרט אַ פערבאָרגענער זיפץ...

II.

סטעמפּעניו מיט זיין „קאַפּעליע“.

דעם רעש, וואָס סטעמפּעניו האָט אָנגעמאַכט, קומענדיג ערגיץ אין אַ שטעדטעל מיט זיין קאַפּעליע (אָרקעסטער), און דאָס קאָכעניש, וואָס עס האָט זיך בשעת מעשה געקאָכט, איז גאָר ניט צו בעשרייבען.

— שאַט, אָן שניידט זיך עפּיס אַ בויד פון הינטער די מיהלען מיט פיער פערד; דאָס זענען אודאי די מחותנים, האַ?

— ניין, דאָס זענען די כלי־זמר. דאָס פאָהרט סטעמפּעניו מיט זיין קאָמפּאַניע.

— אַ? סטעמפּעניו? סטעמפּעניו איז שוין דאָ? אָט דאָס וועט עס זיין אַ פריילִיכע חתונה ביי חיים־בנציון גלאָק, אַ מכה איהם!

אידיישע ווייבלעך ווערען רויטליך. די אידישע מיידלעך חאַפּען זיך צו פערקעמען און פערפלעכטען די לאַנגע צעפּ. יונגלעך פערקאַטשען די הויזלעך אריבער די פולקעס און מע לויפט מקבל פּנים זיין סטעמפּעניו'ן. און אפילו אידען, בעווייבטע אידען, שוין מיט בערד, בעווייזען אויך מיט אַ שמייכעלע, אז עס טהוט זיי ווילד הנאה, וואָס סטעמפּעניו איז געקומען שפּיעלען די חתונה צו חיים־בנציון גלאָק; מהיכא־תיתי, וואָס אהרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלד?

ביז די בויד פאָהרט־צו צו דער אכסניה ווערד דערווייל די גאַס פול מיט מענשען; יעדער איז נייגיעריג אַ קוק טהון אויף סטעמפּעניו'ן מיט זיין קאָמפּאַניע און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגע'לע.

— זעה נאָר, ווי מע שפּאַרט זיך! — שרייט יעדער בעזונדער, און שפּאַרט זיך ארויס צום אויבען־אָן, ווי דער שטייגער איז ביי אידען. — זעהר נאָר זעה, ווי ער ארבייט מיט די עלענבויגענס און וויל דוקא זיין דער ערשטער! וואָס האָט איהר דאָ ניט געזעהען? כלי־זמר ווי אַלע כלי־זמר!

אזוי טענה'ט איטליכער פאַר זיך און שטופּט זיך ארויס צו דער בויד, פון וועלכער די חברה כלי־זמר הויבען זיך אָן ארויסצורוקען איינציגווייז.

פריהער פון אַלע קריכט־ארויס רב יאָקעל קאָנטרבאַס (וואָס שפּיעלט אויפ'ן קאָנטרבאַס), אַ בייזער איד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט שטיקלעך וואַט אין די אויהערען. נאָך איהם רוקט זיך רב לייביש מיט'ן קלאַרנעט, אַ שלעפעריג אידעל מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּען. שפּעטער בעווייזט זיך חייקעל הארבעטש, דער געוויסער חייקעל בדחן מיט'ן הארב. שפּעטער — אַ שוואַרצער קאָלטענוואַטער איד, שרעקליך בעוואַכסען, כמעט ווי אַ ווילדער מענש פון די מדבריות, מיט אזעלכע לאַנגע ברעמען, אז עס פאַלט־אָן אַ

ting to the quick, piercing the soul, shattering the mind. The audience was fainting, languishing, perishing in every limb. Hearts filled up, they overflowed, and tears came to all eyes. Jews sighed, Jews moaned, Jews wept. And Stempeniu? Who cared about Stempeniu? Not even Stempeniu knew where he was. He did what he had to do, he fiddled, and that was that! And when he stopped playing, he threw down the violin and put his hand to his heart. And his eyes burnt like Sabbath candles, and his beautiful face shone in ecstasy. The listeners awoke as though from sleep, a sad but sweet sleep, and they gave voice to their enthusiasm, all of them at once. They oohed, they aahed, they mmmmed, they lauded, they were beside themselves, they couldn't stop praising him.

"Ooh, Stempeniu! Ah, Stempeniu!"

And the women? What can I tell you about the women? I doubt very much whether they shed as many tears on the Day of Atonement as they did for Stempeniu's music. You mustn't even weep as much for the Destruction of the Temple as the women wept during Stempeniu's playing.

"If only God will let me have Stempeniu for my youngest daughter's wedding! Oh, Lord, oh Lord!"

And thus the women made their wishes, wiped their red, swollen eyes, blew what was left in their noses, and, while they made their wishes, their strings of pearls and gold earrings, and rings, and brooches, and necklaces, and all the other Jewish baubles twinkled and glittered and sparkled.

And then there were the girls, the young ladies. They were shackled to the earth, like mannequins, gaping at Stempeniu and his violin, not stirring a limb, not batting an eyelash, but somewhere, inside their corsets, hearts were fluttering, and concealed sighs kept escaping....

STEMPENIU AND HIS BAND

The sensation made by Stempeniu and his band when they came to a little town, the turmoil they aroused, simply cannot be described.

"Hey look! There's a four-horse wagon coming round from behind the mills. It must be the in-laws!"

"Nope! It's the musicians. That's Stempeniu and his gang!"

"What? Stempeniu? Stempeniu's here already? Now that'll be a merry wedding for Haym ben-Tsion—damn his eyes!"

Jewish wives blushed. Jewish girls set about combing their hair and weaving their long braids. Boys rolled their pants up to their thighs and ran to welcome Stempeniu. And even grown men, bearded husbands, let out smiles, which meant they were thrilled that Stempeniu had come to play at Haym ben-Tsion's wedding. Fine! Why not? Why should they care? It wasn't costing *them* any money, was it?

By the time the wagon fetched up at the inn, the street was chock-full of people. Everyone was curious to catch a look at Stempeniu and his gang, and so they stood there for a moment.

"Just look at them shoving!" everyone yelled, and shoved to the front, as Jews are wont to do. "Just look at him elbowing his way, he wants to be the first! What's there to look at? Haven't you ever seen musicians before?"

That's what each Jew said, pushing his way up to the wagon, while the musicians emerged one by one.

The first to step down was Yokel the Bassist (who played the contrabass), a nasty man with a squashed nose and with wads of cotton in his ears. Next came Leybush with his clarinet, a drowsy mannikin with thick lips. He was followed by Haykel Hump, *the* Haykel Hump, the hunchbacked wedding jester. Then out jumped a man with a tangle of black hair and with hair all over like a wild man from the desert, and terrifying bushy eyebrows. That was Shneyer-Meyer the back-up fiddler. A couple of boys came leaping after him, ferocious-looking creatures with swollen cheeks, blackened eyes, dreadful buckteeth the size of shovels. These were the apprentices, who were still working for nothing, but later, in time, they might turn into respectable musicians. Last but not least, who should come rolling out on crooked bowlegs, but red-haired Mekhtshi the Drummer, with a drum that was twice his size. His face was beginning to sprout a beard, a reddish growth, but only on one side, the right side, while the other half of his face, the left side, was naked, as barren as a steppe. Mekhtshi the Drummer, you must know, had first married at thirty, and rumor had it that his wife was a hermaphrodite....

The town scamps had probably spread the news that Stempeniu was coming with his band. Every so often, a schoolboy sneaked in and gave the drum a bop or twanged the *G*-string of

פחד. דאָס איז רב שניאור־מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע). נאָך איהם שפּרינגען־אַרוים אַ צוויי־דריי יונגען, משונה־ווילדע פערזעהענישען מיט פערשוואָלענע באַקען, אונטערגעשלאָגענע אויגען, מיט שרעקליכע ציינער, ווי די לאָפּעטעס. דאָס זענען חברה לערענ־יונגלעך, וואָס אַרבייטען נאָך דערווייל אומזיסט, און שפּעטער, מיט דער צייט, קאָן פון זיי אַרויס לייטישע כלי־זמר. און גאָר צו לעצט קאַטשעט זיך אַרוים מיט קרומע אויסגעבויגענע פיסלעך דער געלע מעכטשי פּייקלער מיט אַ באַראַבאַן, וואָס איז גרעסער פון מעכטשי'ן אַ גוזמא. ביי מעכטשי'ן הויבט זיך אָן אויסצושיטען אַ בערדעל, אַ געל בערדעל, נאָר אויף איין זייט פּנים, אין דער רעכטער זייט, און די אַנדערע זייט, די לינקע זייט פּנים, איז נאַקעט, הויל ווי אַ סטעפּ. ער, מעכטשי פּייקלער, מוזט איהר וויסען זיין, האָט חתונה געהאַט צו דרייסיג יאָהר און האָט גענומען, ווי מע שמועסט, אַ ווייב איין אַנדרוגינוס... ווייסע־חברה'ניקעס שווייגען ניט מסתמא, אַז סטעמפּעניו קומט־אָן מיט זיין קאַפּעליע. יעדעס מאָל פער־גנב'עט זיך אַ חדר־יונגעל און טהוט אַ זעץ אין באַראַבאַן, אָדער אַ ציה די גראָבע סטרונע פון'ם קאָנטרבאַס. דער חברה־מאַן בעקומט אַ שנייד אין האַלז און נאַקען פון רב יאָקעל קאָנטהבאַס דעם בייזען. און די גאַס הויבט־אָן ביסלעכווייז צו רודערען און צו קאָכען, דען דער חתן איז שוין אויך אַריינגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין מיט אַ האַלבער מאה בחורים, וואָס זענען אַרויסגעפאָהרען אַקעגען דעם חתן ביז צו יענער זייט מיהלען — והעיר יאַמפּעלי, און דאָס שטעדטעל יאַמפּעלי, צהלה ושמחה, — קלינגט און פרעהט זיך גאָר אויף איין אַנדער אופן...

אזוי איז אין יאַמפּעלי, אזוי איז אין סטריסטש, אזוי איז אין אַלע שטעדטלעך, וועלכע האָבען אַ זכיה אַראָפּצובערענגען סטעמפּעניו'ן אויף אַ חתונה, און אַזוי איז אויך דאָ, אין מאַזעפּעווקע, וואו סטעמפּעניו האָט זיך בעזעצט אויף תמיד. הכלל, עס קאָכט מיט סטעמפּעניו'ן די גאַנצע וועלט!

---

III.

## סטעמפּעניו'ס הכנות.

וואָס איז אין מאַזעפּעווקע אזוי גרויס די שמחה?

רב חיים־בנציון גלאָק מאַכט חתונה די קלענערע טאָכטער, די מיזינקע רבקה'לע; — נו, פאַר וואָס זשע זאָל מען זיך ניט משמח זיין מיט איהם? עס איז כדאי צו זיין אויף אַזאַ חתונה: פאָרט, ווי זאָגט מען, אַ נגיד אין שטעדטעל. אַלע וועלען זיין אויף דער חתונה: ווער פאַר גוט־פריינדשאַפט, ווער פאַר קנאה, ווער פון יוצא וועגען, און ווער צו בעווייזען דעם ווייב'ס פּערעל, די אויהער־רינגלעך, אָדער די נייע גאָרגעל־קייט, וואָס ער האָט געבראַכט דעם ווייב פון'ם יריד, און נאָך מעהר — צוליעב סטעמפּעניו'ן. הכלל, אַלע זענען דאָ אויף דער חתונה! גאַנץ מאַזעפּעווקע פרעהט זיך ביי חיים־בנציון גלאָק אויף רבקה'לע'ס חתונה! און ווער שמועסט אייזיק־נפתלי מיט'ן ווייב און מיט די קינדער אודאי, דען אייזיק־נפתלי איז חיים־בנציון גלאָק'ס אַ שותף אין קלייט, אַ שותף אין דער מיהל, און דערצו אַ שטיקעל קרוב אויך, סע הייסט, אייזיק־נפתלי'ס ווייב קעהר זיך אָן אַ שטיקעל אייגענע מיט דער מחותנת־טע, עפּיס אַ שטיקעל שני שבשלישי פון דער מאַמע'ס צד.

דעריבער דרעהט זיך אַרום אייזיק־נפתלי'ס ווייב, דוואָסי־מלכה, אויסגעשלייערט, ווי איין אמת'ע מחותנת'טע. זי דרעהט זיך אַרום און טהוט גאָר ניט, נאָר זי מאַכט מיט די הענד און שרייט און פּילדערט, גלייך ווי זי טהוט עפּיס. און דוואָסי־מלכה'ס שנור, רחל'ע די שענע, שטעהט נעבען דער כלה אויסגעצוויקעלט, ווי אַ בת־מלכה, און איהרע גרויסע בלויע אויגען שיינען, ווי צוויי גרויסע בריליאַנטען, און איהרע רויטע בעקלעך שפּיעלען איהר, ווי צוויי בליהענדיגע רויזען. מיט איין האַנד האַלט זי דער כלה'ס צעלאָזטע האָר, וואָס די ווייבער האָבען איהר צעפלאָכטען פאַר'ן „בעדעקענס" מיט גרויס געוויין, און מיט דער אַנדערער האַנד גלעט זי זיך איהר ווייסען האַלז, גאָרנישט צו בעמערקען, ווי אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיגע אויגען קוקען אויף איהר די גאַנצע צייט גלייך אָהן איין אויפהער... די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס לויפען־אַרום, ווי די פער'סמ'טע מייז. די מחותנים ליאַרעמען: „אוי, גוואַלד! שוין צייט צו באַדעקען די כלה! ביז וואַנען איז דער שיעור צו מוטשען די קינדער, וואָס פאַסטען נעבאַך אַזאַ זומער־טאָג?" אַלע שרייען: „שוין צייט! שוין צייט!" — נאָר טהון טהוט מען גאָרניט. אייזיק־נפתלי דרעהט זיך אַרום מיט אַ סאַמעטען קאַשקעטעל, די הענד פערלעגט אַרונטער, ווי אַ מגיד, און דוואָסי־מלכה פּילדערט אויף קולי־קולות. די איבעריגע מחותנים פון ביידע צדדים לויפען איינער איבער'ן אַנדערען מיט די הענד אויף־צו־פריהער, גלייך ווי זיי וואָלטען עפּיס געוואָלט טהון אַזעלכעס, נאָר מע גיט זיי קיין אַרבייט ניט.

— נו, פאַר וואָס טהוט מען שוין עפּיס ניט? — פרעגט חתנ'ס צד.

— פאַר וואָס הויבט מען שוין עפּיס ניט אָן צו טהון? — ענטפערט כלה'ס צד.

— האָסט דו געזעהען, מע זאָל האַלטען אזוי לאַנג הונגעריגע קינדער? — שרייט חתנ'ס צד.

the contrabass. The boy got a whack in the nape of his neck from Yokel the nasty bassist. And little by little, the street began boiling and bubbling, for the bridegroom had also arrived in town with dozens of young men who had driven out to meet him on the other side of the mills. *And the town of Yampeli did shout and was glad.*

And: like Yampeli, like Stristsh, and all the other little Jewish towns that had the privilege of having Stempeniu at a wedding, and that's how it was in Mazepevke, where Stempeniu made his home. In short, the whole world was in a turmoil over Stempeniu!

## STEMPENIU'S PREPARATIONS

What was all the excitement about in Mazepevke? Haym ben-Tsion Glock was marrying off his youngest daughter, his fledgling, Rivke. So why not celebrate and rejoice with him? His wedding was the place to be. After all, he was, so they say, one of the richest men in town. Everybody and his uncle would be there. Some for friendship, some for envy, some for duty, some to show off their wives' pearls, earrings, or the new necklace brought back from the county fair; but more than anything—for Stempeniu. In short, *everyone* attended the festivities! All of Mazepevke rejoiced at Rivke's wedding. Not to mention Isaak-Naphtali and his wife and children, for Isaak-Naphtali was Haym ben-Tsion's partner in the store and in the mill, as well as a distant relation, that is to say, Isaak-Naphtali's wife Dvosse-Malke was sort of distantly related to Rivke's mother, a cousin once removed on her mother's side.

No wonder Dvosse-Malke was veiled and bedizened like a genuine member of the family. She bustled around and didn't do anything, but she waved her arms and shouted and made a racket as though she *were* doing something. And her beautiful daughter-in-law, Rachel, stood next to the bride, bedecked and bejeweled like a princess, her big blue eyes shone like two big diamonds and her red cheeks glowed like two blossoming roses. Her one hand held the bride's loosened hair, which the women, copiously weeping, had unbraided for the veiling ceremony. And her other hand stroked her white throat. And she never noticed two black burning eyes staring at her all the while....

The servants scurried about like chickens without heads. The in-laws were clamoring: "Oh God! Oh God! It's time for the veiling! How long can we torment the children, they've been fasting for a whole summer's day already!" Everyone shouted: "It's time! It's time!" But no one did anything. Isaak-Naphtali wandered about in a velvet cap, his hands behind his back like a preacher, and Dvosse-Malke was raising the roof. The other relatives on both sides were dashing past one another, sticking out their hands as though they wanted to do something but couldn't get anything to do.

"Well, why aren't they doing anything?" asked the groom's family.

"Why aren't they starting to do something?" answered the bride's family.

"Have you ever seen the like before? Making children starve that long!" shouted the groom's family.

"Have you ever heard the like before? Making children starve this long?" shouted the bride's family.

"Why's everyone chasing back and forth?"

"What's all this running around anyway?"

"Everyone's running, everyone's making a racket, and they're not even budging! A fine state of affairs!"

"Just running and raising a racket—and no one's willing to do anything!"

"Hasn't there been enough talk already? It's time for action! There's a limit to everything!"

"C'mon already! Stop all the talking! Let's get going! Isn't there a limit?!"

"Where are the musicians?" asked the groom's family.

"The musicians! Where are they?" answered the bride's family.

And the musicians were busy getting ready. They polished the bows, they tuned the instruments. Yokel the Bassist yanked a boy along by the ear, warning him softly: "You little bastard, I'll teach you to pluck strings!" Mekhtshi the Drummer scratched the bristly half of his face, not deigning to glance at anyone. Haykel the Jester was talking to an acquaintance, a teacher, he took a pinch of snuff from him with two fingers and poured out a cascade of jokes. And the other musicians, the boys with swollen cheeks and buckteeth like shovels, stood around Stempeniu, discussing an important matter with him in their jargon:

"Who's the chick next to the frau-to-be?" asked Stempeniu in

רחל'ע, אלס ווייבעל, האט שוין ניט געהאט וואס צו אנטלויפען פון סטעמפעניו'ן, ווען ער איז צוגעגאנגען צו איהר מיט'ן פיעדעל אונטער דער האנד און מיט א שמייבעלע אויף די ליפען, — וואס האט זי מורא? פאר וועמען דארף זי זיך בעהאלטען? דער שוועהר, רב אייזיק־נפתלי, איז פערטראגען מיט דער חתונה: ער געהט זיך ארום פערלעגט די הענד ארונטער און גיט אכטונג אויף די סארווערס, אז זיי זאלען זיך ריהרען גיכער, און די שוויגער, דוואסי־מלכה, איז דאך אזוי פערפארעט, אז מע זאל ביי איהר אראפנעמען דעם שלייער פונ'ם קאפ, וואלט זי אויך ניט געפיהלט. פערביילויפענדיג, האט זיך דוואסי־מלכה אפילו יא אפגעשטעלט א קוק טהון, וואס טהוט דא עפיס סטעמפעניו נעבען איהר שנור? נאר זי האט זיך באלד בעקלערט: „וויים איך וואס, נארישקייטען, זייערע זאכען, נאט אייך א גראשען!"... און איז אוועקגעלאפען ווייטער קאמאנדעווען מיט די סארווערקעס, זיי זאלען טהון גיכער. רב אייזיק־נפתלי מיט דוואסי־מלכה'ן האבען געקאמאנדעוועט אויסגעצייכענט. די סארווערס מיט די סארווערקעס זענען ארומגעפלויגען, ווי די משוגעים, די מחותנים פון ביידע צדדים האבען געפילדערט, ווי דער שטייגער איז, דער עולם האט זיך געוואשען און האט אנגעהויבען צו פערחאפען ערטער אויף די לאנגע בענק ארום די לאנגע טישען, אויף וועלכע עס זענען דערוויי'ל געלעגען אנגעגרייט פרישע בולקעס א גאנצע שורה, — פלוצים איז געווארען א גוואלד: עס איז אויסגעגאנגען וואסער פון דער דייזשקע!

— וואו קריגט מען ערגיץ וואסער? — האט געפרעגט חתנ'ס צד.

— וואסער וואו נעמט מען? — האט געענטפערט כלה'ס צד.

— וואסער! — האט געשריגען דוואסי־מלכה, שוין אביסעל הייזעריגליך.

— וואסער, וואסער! — האט איהר אונטערגעהאלפען שרייען אייזיק־נפתלי, פערקאטשעט די פאלעס און געמיינט, אז ער טהוט עפים.

אין דער דאזיגער נייער מהומה האט סטעמפעניו געהאט די געלעגענהייט צו שמועסען נאך אביסעל מיט רחל'ען, וואס איז געווען ערנסט און עפים ווי פערטראכט. איהרע שענע בלויע אויגען האבען געקוקט ווייט־ווייט, ניט אויף סטעמפעניו'ן, און איהרע אויהערען האבען אויסגעהערט פון איהם א גאנץ לאנגען שמועס.

און רעדען האט סטעמפעניו געקאנט. ער האט גערעדט גוט, דער כל־בו'ניק! מיט די רעד האט ער ארומגענומען ארום און ארום, ווי א גוטער מזיק, געקוקט גלייך אין די אויגען אריין... וואס זאג איך? אין הארצען אריין, טיעף־טיעף אין הארצען אריין.

סטעמפעניו האט גערעדט, און רחל'ע האט געהערט, און דער רעש פון די חתונה־לייט איז געווען אזוי גרויס, אז מע האט ניט געקאנט הערען זייער שמועס, א חוץ די לעצטע עטליכע ווערטער:

— אט דאס איז אייער משה־מענדעל? — האט זי סטעמפעניו א פרעג געטהאן, אנגעוויזען מיט די אויגען אויף א יונגענמאנטשיק, וואס האט געהאלטען א לאץ פון א אידישער קאפאטע און האט גע'טענה'ט צו יענעמ'ס לאץ מיט אלע חושים, מיט אלע אברים.

— דאס איז ער... — האט איהם רחל'ע געענטפערט און איז אפגעטראטען אויף א זייט, ווי בעלעדיגט.

רחל'ע האט זיך געפונען בעלעדיגט און האט שוין מעהר נישט געקוקט אפילו אין יענעם ווינקעל, וואו די כלי־זמר זענען געזעסען. סטעמפעניו האט נאכדעם לאנג ארומגעפאדקעוועט ארום איהר, — נאר עס האט איהם גארנישט געהאלפען. מע קאן בפירוש זאגען, אז ער איז איהר נמאס געווארען, נמאס ומאוס, אט דער סטעמפעניו מיט זיין עזות'דיגען קוק און מיט זיינע אלע גענג... „פע, ס'איז א חרפה, א בושה, אז א אידישע טאכטער זאל גאר שטעהן אין זיינע דל"ת אמות"...

אזוי קלערט זיך רחל'ע, צוגעהענדיג צוריק צו דער כלה, און איז שוין פארטיג צו פערגעסען, אז ס'איז דא א סטעמפעניו אויף דער וועלט. נאר — שא! וואס איז דארט פאר א גערודער פלוצים? סטעמפעניו שפיעלט שוין ווידער א וויינענדיגס, און די קאפעליע האלט איהם אונטער; אוים ליארעם, אוים געפילדער! אידען ווערען פערטראכט, ווייבער ווערען אנשוויגען, יונגלעך, מיידלעך קלעטערען־ארויף אויף די בענק און אויף די טישען — אלע ווילען הערען סטעמפעניו'ן. אייזיק־נפתלי האלט דעם קאפ אויף א זייט און הערט זיך איין, ווי א גוטער מבין. דוואסי־מלכה, ווי זי איז געשטאנען מיט'ן זיידען טיכעל פערבונדען ארונטער, מיט א טעלער אין דער האנד, אזוי איז זי געבליבען שטעהן אין דער פאזע. און אפילו די סארווערס מיט די פערקאטשעטע פאלעס און די סארווערינס מיט די אונטערגעשטעקטע קליידלעך זענען אויך געבליבען, ווי פערגליווערט, אויף זייערע ערטער אין מיטען שטוב. און סטעמפעניו האט זיך צעגאסען אויפ'ן פיעדעלע מיט אזעלכע טרויעריגע אומעטיגע געזאנגען, אז דער עולם איז געבליבען אהן אטהעם, געשטארבענע, טאקי פשוט געשטארבענע, טוידטע מענשען!... דאס הארץ ווערד פול, צעווייקט, און עס שטעלען זיך טרערען אין די אויגען. אידען זיפצען, אידען קרעכצען, אידען וויינען... און סטעמפעניו? — ווער סטעמפעניו? וואס סטעמפעניו? מע זעהט איהם גארניט, מע זעהט ניט קיין סטעמפעניו, מע זעהט ניט קיין פיעדעלע; מע הערט די זיסע קולות, געטליכע געזאנגען,

from Stempeniu when he walked towards her with his fiddle under his arm and a smile upon his lips. Why was she afraid? Who should she hide from? Her father-in-law Isaak-Naphtali was absorbed in the wedding: He was strolling about with his hands behind his back, watching over the waiters, to make sure they stepped lively. And her mother-in-law Dvosse-Malke was so preoccupied, that if someone had taken the veil from her head, she wouldn't have noticed. Running by, Dvosse-Malke did stop to see what Stempeniu was doing with her daughter-in-law. But she quickly thought to herself: "Who cares? It's nothing. Their business. Forget it!" And she hurried on to order the waitresses to step lively. Isaak-Naphtali and Dvosse-Malke were excellent commanders. The servants dashed about like lunatics, the in-laws on both sides made a tumult as is customary, the guests had washed their hands and were beginning to stake out places on the long benches flanking the long tables, where fresh rolls had already been put out, a whole string of them. All at once, an uproar: There was no water left in the kneading trough.

"Where are we gonna get water?" asked the groom's family.

"Water? Where are we gonna get it?" answered the bride's family.

"Water!" screamed Dvosse-Malke, slightly hoarse.

"Water! Water!" Isaak-Naphtali seconded her screams, pulled up his coattails, and imagined he was doing something.

This new panic gave Stempeniu a chance to talk a bit more with Rachel, who was grave and somewhat reflective. Her lovely blue eyes gazed far, far into the distance, not at Stempeniu, and her ears heard him talking for a long, long time.

And talking was something Stempeniu could really do. He had the gift of the gab—that rascal! His words spun round and round a person, like the words of a demon, and he stared into the eyes.... The eyes? What am I saying? The heart. Deep, deep into the heart.

Stempeniu talked, and Rachel listened, and the noise of the wedding company was so overwhelming that no one could hear this conversation except for the last few words.

"So that's your Moyshe-Mendel?" Stempeniu asked her, glancing at a young man who was holding the lapel of a Jewish coat and arguing away at that lapel with body and soul, with might and main.

"That's him," replied Rachel, stepping aside as if offended.

Rachel, her feelings bruised, didn't even look towards the corner where the musicians were sitting. Stempeniu hung around her for a long time, but it didn't help. One can actually say that she got tired of him, sick and tired—of that Stempeniu with his arrogant eyes and his ways.... "Ugh! It's shameful, scandalous for a Jewish woman to be anywhere near him...."

Such were Rachel's thoughts as she walked back to the bride, ready to forget that there was such a person as Stempeniu. But... wait! What was that sudden commotion? Stempeniu was playing a sorrowful melody again, and the group was backing him up. Gone was the clamor, gone the uproar! Men fell to brooding, women held their tongues, boys and girls clambered up on the benches and tables—everyone wanted to hear Stempeniu.

Isaak-Naphtali leaned his head to one side, listening with a knowledgeable air. Dvosse-Malke, bound up in a silk cloth and holding a plate in her hand, stood transfixed where she was, and even the waiters with tucked-up coattails and the waitresses with turned-up skirts likewise remained where they were, spellbound, in the middle of the room. And Stempeniu's violin melted into such a plaintive, poignant melody that the entire company held its breath, dying, simply dying ... lifeless people!... Hearts filled, overflowed, tears came to the eyes. Jews sighed, Jews moaned, Jews wept. And Stempeniu?... Who cared about Stempeniu? No one saw him, no one saw any Stempeniu, no one saw any fiddle. They heard the sweet tones, the divine chant that filled the room.... And beautiful Rachel, who had never heard Stempeniu play before, stood and listened to the magical singing, to the rare sounds—and couldn't understand what was happening. Something pulled at her heart, something caressed her, but what it was—she didn't understand. She looked up to where the wondrous melodies were coming from, and her eyes met two wonderful black burning eyes gazing straight at her, piercing her through like two spears.... Rachel lowered her head and saw the wonderful black burning eyes, Rachel looked every which way—and kept seeing those wonderful black burning eyes....

רחל'ע איז געווען אַ פּשוט אידיש ווייבעל אָהן אויבערקעפּלעך, אָהן שפּיצלעך. מיט איינעם וואָרט — דאָס, וואָס מע רופט־אָן ביי אונז אַ א י ד י ש ע ט אָ כ ט ע ר. געוואַכסען צווישען אַ סך קינדער, איז זי ביי פאָטער און מוטער אין סקווירע געווען ניט אַזאַ אַנטיק: „וויים איך, אַ מיידעל, לאָז זי זיך וואַכסען געזונטערהייד"... און בכדי זי זאָל זיך ניט ארומבלאָנקעווען פאַר די אויגען און עס זאָל זיין ווינציגער מיט אַ קינד אין שטוב, האָט מען זי אָפּגעשיקט גלייך מיט אַלע איהרע ברידערלעך אין חדר אריין. נאָכדעם, אַז זי איז שוין אביסעל אונטערגעוואַכסען, האָט מען זי אָפּגעגעבען לערנען זיך שרייבען צו מ אָ ט ע ל ש פּ ר י י ז, דעם „מיידעלשען שרייבער". דאָרט, ביי מאָטעל שפּרייז, דעם „מיידעלשען שרייבער", האָט זיך רחל'ע געהאַט, געוועהנליך, איהרע חבר'טעס, קליינע און גרויסע מיידלעך, נאָר מעהר האָט זי ליעב געהאַט צו שאַרען זיך ארום די עלטערע מיידלעך, פון וועלכע זי האָט ליעב געהאַט צו הערען מעשיות, שענע וואונדערליכע מעשיות. די מיידלעך ווידער האָבען ליעב געהאַט רחל'ען פאַר איהר זינגען, פאַר איהר שען זינגען.

— זינג אונז, רחל'ע, הארצעניו! זינג, נישקשה, אַצינד איז ניטאָ קיין יונגלעך.

פאַר יונגלעך און פאַר עלטערע האָט זיך רחל'ע געשעמט צו זינגען, בפרט נאָך פאַר גרויסע יונגלעך האָבען איהר די חבר'טעס אליין געזאָגט, אַז ס'איז ניט שען, מע טאָר ניט...

— נו, זינג שוין, רחל'ע. קוק זי אָן, מע דאַרף זי בעטען.

און רחל'ע פאָלגט די גרויסע מיידלעך און פערציהט אויף איהר דינער, ווייכער שטימע אַ ליעדעל, אַ אידיש ליעדעל.

אויפ'ן באַרג שטעהט אַ טויב,
און טהוט זיך טרויעריג ברומען,
ערגיץ האָב איך אַ ליעבען פריינד —
און קאָן צו איהם נישט קומען...

רחל'ע זינגט דאָס דאָזיגע ליעבע ליעדעל מיט גרויס געפיהל, גלייך ווי זי וואָלט פערשטאַנען דאָס וואָרט „ליעבע". יענע אָבער, איך מיין די עלטערע מיידלעך, האָבען דאָס, אַפּנים, יאָ פערשטאַנען, מחמת זיי פלעגען זיך דערביי פערזאָרגען, זיפצען, און אמאָל לאָזען אַ טרער אויך...

מעהר פון אַלע האָט ליעב געהאַט צו הערען די דאָזיגע ליעדערלעך, וואָס רחל'ע האָט געזונגען פאַר איהרע חבר'טעס, איינע פון זיי מיט'ן נאָמען חיה־עטעל, זעהר אַ שען מיידעל, אַ יתומה. חיה־עטעל איז געווען איינע פון אַ סך מיידלעך. איהר ביאָגראַפיע איז די ביאָגראַפיע פון פיעלע אידישע טעכטער און קאָן דערצעהלט ווערען אַזוי קורץ און אַזוי גיך, ווי מאַכען אַ ברכה „שהכל נהיה בדברו". אָט האָט איהר זי אינגאַנצען:

אַמאָל (נישט זעהר לאַנג) זענען געווען צוויי ברידער אין דער שטאָדט סקווירע, איינער האָט געהייסען אהרן און דער אַנדערער האָט געהייסען לייב. אהרן איז יונג געשטאָרבען און נאָך איהם איז נאָכגעשטאָרבען זיין ווייב, און עס איז פון זיי איבערגעבליבען אַ טאָכטער חיה־עטעל. האָט זיך אויף איהר דערבאַרעמט דער פעטער לייב און האָט זי צוגענומען צו זיך מיט איהר ירושה. דער פעטער לייב האָט זיך אפילו מיט דער יתומה נישט אַזוי שען בעגאַנגען, די גאַנצע ירושה האָט ער זיך צוגענומען (אַ דריי טויזענד קערבלעך, זאָגט מען), און איהר, דער יתומה, האָט ער געגעבען, מחילה, אַ פייג, און האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַ חניאָק, אַ כלב שבכלבים, וואָס איז איהר דערגאַנגען די יאָהרען, און חיה־עטעל איז יונג, צו צוויי און צוואַנציג יאָהר, געגאַנגען פון דער וועלט.

אָט מיט דער חיה־עטעל איז אונזער רחל'ע געווען אַ לייבליכע חבר'טע, און זיי האָבען זיךביידע זעהר ליעב געהאַט. און אָט מיט דער חיה־עטעל איז אַמאָל געזעסען רחל'ע שבת בייטאָג ביי'ם פענסטער, גאַנץ פיין אויסגעקעמט און אָנגעטהאָן שבת'דיג, ווי עס געהער צו זיין. ווי דער שטייגער איז, האָט רחל'ע געזונגען איהרע ליעדעלעך, און חיה־עטעל האָט געהערט. רחל'ע האָט געזונגען:

אוי, דו פאָהרסט אַוועק,
אוי, דו פאָהרסט אַוועק,
און מיך לאָזט דו איבער!...

— רחל'ע, הארצעניו, נשמה'ניו! — זאָגט חיה־עטעל. — זינג דאָס נאָך אַ מאָל!

— איבערזינגען דאָס נאָך אַ מאָל? — פרעגט זי רחל'ע פערוואונדערט. — נו, איך קאָן דאָס דיר אָנהויבען נאָך אַ מאָל פון אָנהויב:

אוי, דו פאָהרסט אַוועק,
אוי, דו פאָהרסט אַוועק,
און מיך לאָזט דו אי־אי־בער!...

פלוצים דערזעהט רחל'ע, ווי חיה־עטעל די יתומה ליגט מיט'ן פנים אויף דער האַנד און איהר קאָפּ מיט די פּלייצעס וואַרפען זיך. רחל'ע בלייבט שטיל און הערט, ווי חיה־עטעל חליפעט.

— גאָט איז מיט דיר, חיה־עטעל, דו וויינסט? וואָס עפּיס אין מיטען דרינען געוויינט? זאָג מיר, וואָס איז דיר, חיה־עטעל, אַזעלכעס געשעהן? פלוצים גאָר, נאַ דיר אַ געוויין!

"C'mon, Rachel. Sing! Just look at her! She has to be coaxed!"

And Rachel obeyed the big girls and crooned a song, a Yiddish ditty, in her soft, delicate voice.

*On the mountain stood a dove,*
*And she so sadly did hum:*
*Where oh where is my sweet love?*
*To me he cannot come....*

Rachel sang the song with great feeling, as though she understood the word "love." The others, however—I mean the older girls—did seem to understand, for they would sigh and grieve and, occasionally, shed a tear....

They loved hearing Rachel sing these songs, and the one who enjoyed it most was Haia-Etel, a very beautiful girl, an orphan. She was not unusual. Her life story was that of many Jewish girls, and it can be reeled off as quickly as a blessing. Here it is:

Once, and not so long ago, there were two brothers in the town of Skvirre, one was named Aaron and the other Leyb. Aaron died while still young, and his wife died soon after, leaving their daughter Haia-Etel. Her uncle Leyb felt sorry for her and took her into his home along with her inheritance. But Uncle Leyb didn't act very decently towards the orphan, he kept the inheritance (some three thousand rubles supposedly) for himself and gave her the air (if you'll pardon the expression)—he married her off to a bigot, a philistine, the worst kind of scoundrel, who tormented the life out of her. And, while still young, only twenty-two, Haia-Etel passed away.

Now our Rachel was as close as could be to Haia-Etel, and they loved each other very much. One Sabbath afternoon, the two of them had been sitting together at a window, coiffured and wearing their Sabbath best, as is proper. Rachel, as usual, was singing her songs, and Haia-Etel was listening. The song went:

*Ah, you're going away,*
*Ah, you're going away,*
*And you're leaving me behind!...*

"Rachel, my dear, Rachel my sweet!" said Haia-Etel. "Sing it again!"

"Again?" Rachel asked in surprise. "Well, I can start all over again, if you like."

*Ah, you're going away,*
*Ah, you're going away,*
*And you're leaving mee bee-hiiiind!...*

All at once, Rachel saw the orphan cover her face with her hands, her shoulders were heaving. Rachel stopped singing when she heard her sob.

"Goodness gracious, Haia-Etel! You're crying!? Why in the world are you crying? What's wrong, tell me, Haia-Etel? Why are you crying so suddenly?"

"Oh, Rachel dear!" she answered with a sob. "Oh, Rachel dear. That song, that song of yours!"

"My song? What's the matter with it? Why is it making you cry like that?"

"Oh, Rachel, don't ask, don't ask a bitter heart! There's a fire burning in me! An infernal blaze, right here, can't you see!"

And Haia-Etel pointed at her own heart, and Rachel looked at her, amazed and confused.

"Why are you looking at me like that, Rachel? You don't understand, you can't feel what's in me. My heart is so heavy, I'm so miserable, so devastated, I have such awful troubles—I really have to tell you everything... everything!"

And Haia-Etel told Rachel a story, a sad story, an ordinary story, that occurs so frequently among Jews, but still a very sad story—about how her Uncle Leyb had treated her so hideously, and most of all, that wicked woman, her aunt, and if it weren't for their young son, Benjamin, she would have run away long ago or else thrown herself into the river. Benjamin was her only consolation in the world, they had grown up together, he was like a brother to her, a blood brother—but now he had gone away, leaving her with all her cares and woes, as though he were a stranger, a total stranger.

"I don't understand, Haia-Etel. Why would anyone be so grief-stricken if their very own brother had gone away, and he isn't even a real brother!"

"Oh, Rachel. You don't know how close I felt to him, how much a part of me he was, really, just like my own brother, even more than my own brother, I tell you! Whenever I saw Benjamin, there was a light in front of my eyes, and when he went away..."

"Benjamin *had* to go away, Haia-Etel. He got married!"

## X.

# און ווייטער א מאל רחל'ע.

אויף דער שאלה: „וואס טהוט זיך ביי חיה־עטל'ען אינווענינ אין הארצען ?“ — אויף דער שאלה האט זיך רחל'ע פערטראכט ביי חיה־עטל'ען אויף דער חתונה. רחל'ע האט וועגען דעם מיט קיינעם נישט גערעדט; דאך האט זי פערשטאנען מיט'ן שכל און אביסעל געפיהלט מיט'ן הארצען, אז חיה־עטל'ען דארף אצינד זיין ניט אין בעסטען, זיצענדיג מיט איהר בעשערטען, א ווילד־פרעמדען בחור, און ווען איהר אייגענער בנימין איז דארט ערגיץ מיט זיין ווייב... רחל'ען האט זיך אפילו שטארק געגלוסט א פרעג טהון אצינד חיה־עטל'ען, וואס הערט זיך מיט בנימינ'ען, וואס מאכט ער, צי שרייבט ער בריוולעך ? נאר, צוגעגאנגען נאהענט צו חיה־עטל'ען און אריינגעקוקט איהר אין איהר בלייך פנים אריין און דערהערט, ווי זי זיפצט גאנץ אפטליך, — האט איהר דאס הארץ נישט פערטראגען צו רעדען מיט איהר פון אזעלכע זאכען.

מיר קאנען דענקען, אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אויף איהר לעבען, וואס זי, רחל'ע, האט זיך פערטראכט וועגען אזעלכע ענינים. עס קאן זיין, אז איין רעכטער פאקט פונ'ם לעבען זאל ארויסרופען א סך מעהר מחשבות און אויפוועקען א סך מעהר געפיהלען, ווי צעהן גוטע ביכער. אמת, רחל'ע איז געווען א פשוט אידיש מיידעל, אהן חכמות, נאר קיין נאריש מיידעל איז זי נים געווען; פאר וואס זשע זאל זי נישט בענעמען א זאך מיט איהר אייגענעם געבארענעם שכל ? אמת, רחל'ע האט נישט געוואוסט פון קיין העלדען, פון קיין ראמאנען, אבער א ריין הארץ, א ריין אידיש הארץ האט זי געהאט; פאר וואס זשע זאל זי ניט פיהלען קיין פרעמדע צרות, נישט פערשטעהן קיין פרעמדע יסורים ? אין דעם פרט, קאן מען זאגען, איז רחל'ע מיט א מאל עלטער געווארען אויף עטליכע יאהר, א דאנק חיה־עטל'ען מיט איהר אידישען ראמאן.

אין יענער צייט איז שוין רחל'ע אויך געווען א כלה, און פון איהר חתן משה־מענדל'ען האט זי זיך אנגעהערט אזעלכע שבחים מיט אזוי פיעל מעלות, אז זי האט געקוקט אויף זיך, ווי אויף איינע א גליקליכע אין דער וועלט.

— קיין עין־הרע, אזא גליק! — האט זי געהערט פון אלע זייטען.

— א שמאלץ־גרוב! איין אנקומעניש! רב אייזיק־נפתלי איז א איד א בעל־הבית, דער פיינסטער פון אלע מאזעפעווקער בעלי־בתים, און האט איין זוהן, איין־איינציגען זוהן, און נאך וואס פאר א זוהן. נו, א מזל!

און באמת איז משה־מענדעל טאקי געווען א פיין בחור'על און האט געקאנט געפעלען יעדען: א וואהלס, א לעבעדיגס, א גמרא־קעפעל, א שענער בעל־תנ"ך, דערצו נאך א כתבא־רבה אויף עטליכע הענד, אזוי, אז מיט זיינע כתבים האט זיך גאנץ מאזעפעווקע ארומגעטראגען, און אפילו מאטעל שפרייז אליין, דער „מיידעלשער שרייבער“ אין סקווירע, האט אנגעזאטעלט זיין רויטע נאז מיט א פאר שפאקולען, האט עטליכע מאל בעטראכט דעם חתנ'ס כתב, ווי איין עכטער מבין, און האט מודה געווען, אז דער חתן האט א גאלדען הענטעל, און אז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסשרייבען די האנד, וועט ער, אם ירצה השם, קאנען שרייבען.

גערעדט האט רחל'ע מיט איהר חתן זעהר ווינציג, דען וואו איז ער געווען און וואו איז זי געווען ? פון מאזעפעווקע קיין סקווירע איז גאנץ ווייטליך, און געזעהען האבען זיי זיך בסך־הכל איין מאל, אי דאס — נאר א צוויי שעה, אי דאס — פאר א גאנצען מנין אידען, אי דאס — איז דער חתן געווען אין איין חדר און די כלה — אינ'ם אנדערען חדר. דערפאר אבער האבען זיי זיך איבערגעשריבען מיט בריוולעך כמעט אלע וואך, א קיילעכיג יאהר כסדר, ביז דער חתונה. אמת, אין דעם איבערשרייבעכטס — וואס דארף מען דא לייקענען ? — האט מאטעל שפרייז געהאט א גרויסען חלק, דען אזוי ווי דעם חתנ'ס בריוולעך זענען געווען געשריבען אין דריישפראך: העברעאיש, רוסיש און דייטש, דערום האט מאטעל שפרייז געמוזט זעהן, אז זי, די כלה, זאל אויך עפּיס ניט פערשעמט ווערען. און בכדי צו בעווייזען בעשיינפערליך, אז פון מאטעל שפרייז'ס חדר געהען ניט ארויס קיין מיידלעך גלאט אזוי, ווי ביי אנדערע שרייבערס, האט ער זיך געפלייסט, אז אין דער כלה'ס בריוולעך זאל זיין צוגעזעצט נאך פראנצויזיש אויך, דאס הייסט, פראנצויזישע אותיות, אין וועלכע מאטעל שפרייז איז געווען גאר א גרויסער בקי. בכלל קאן מען זאגען, אז א גאנץ יאהר כסדר האבען זיך חתן־כלה געשפיעלט אין כתבים, און נאר דעמאלט האבען זיי אויפגעהערט דאס דאזיגע שפיעל, ווען מען האט זיך שוין אנגעהויבען רעכט גרייטען צו דער חתונה.

די חתונה איז אפּגעלאפען, ווי אלע אידישע חתונות; אביסעל האט כלה'ס צד ניט יוצא געווען, נישט לייטיש זיך אויסגעשטעלט, גאנץ אידישליך... און אביסעל האט זיך חתנ'ס צד געבלאזען, געווערטעלט און שטילערהייד אנגערופען דעם מחותן מיט'ן נאמען „דבר־אחר“, ווי ער האט דאס ארענטליך פערדיענט. נאר גארנישט, עס מאכט ניט אויס: מע מאכט, ווי דער שטייגער, א כוסה, מע בעט זיך איבער, די כלה געזעגנט זיך אפּ מיט אלע איהרע ליעבע, מע בעגלייט זי ביז ארוים דער שטאדט, מע קושט זיך, מע וויינט, מע פטר'ט ארוים א טאכטער — און מע פיהרט זי אוועק אהין, צו די שוועהר־און־שוויגער אויף קעסט.

---

# AND ONCE AGAIN RACHEL

At Haia-Etel's wedding, Rachel wondered just what was going on in the bride's heart. Rachel didn't talk about this to anyone. But she was intelligent enough to realize—and her heart even sensed—that her friend was far from feeling her best as she sat there with her destined groom, a total stranger, while her own Benjamin was off somewhere with his wife. Rachel very much wanted to ask Haia-Etel if she had heard from Benjamin—how was he, had he written? But upon going to her and gazing into her wan face and hearing her sigh over and over again, Rachel didn't have the heart to bring him up.

We can imagine that this was the first time in her life that Rachel thought about such things. Perhaps one real fact in life can arouse a lot more thoughts and a lot more feelings than ten good books. Of course, Rachel was a simple Jewish girl, quite artless, but she wasn't stupid. Why shouldn't her native intelligence manage to grasp something? She certainly knew nothing of heroes, of novels, romances, but she did have a pure heart, a pure Jewish heart. So why shouldn't she be able to feel another person's sorrows, another person's sufferings? Haia-Etel and her Jewish romance caused Rachel to suddenly grow a few years older.

At the time, Rachel was also engaged to be married, and she heard so much praise about her fiancé Moyshe-Mendel and all his virtues that she considered herself the luckiest girl in the world.

"My oh my, aren't you lucky!" she heard on all sides.

"A treasure! A windfall! Isaak-Naphtali is a rich man, the finest man in Mazepevke, and he has a son, his only child, and what a boy! A jewel, I tell you!"

And Moyshe-Mendel really was a fine boy and could appeal to anyone. He was good, lively, he had a talmudic mind, he knew the Bible inside out. Furthermore, his penmanship was excellent, he had mastered several scripts, so that the whole town marveled at his writing, and even Mottl Shpraiz, the "girls' scribe" in Skvirre, saddled his red nose with a pair of spectacles, perused the bridegroom's handwriting with the eyes of a mayven, and admitted that the boy had a golden hand, and if he kept practicing until he got perfect, he would, God willing, be able to write.

Rachel seldom talked with her fiancé, for where was he and where was she? It's quite a way from Mazepevke to Skvirre, and all in all they met only once, and for only a couple of hours to boot, and in a whole bunch of people to boot, and with the groom-to-be in one room and the bride-to-be in another room—to boot. Still, they did exchange letters almost every week for a whole year, until the wedding. Admittedly, Mottl Shpraiz (why should we deny it?) played a large part in the correspondence. For since the boy's letters were in three languages—Hebrew, Russian, and German—Mottl Shpraiz had to make sure the bride was not put to shame. And in order to demonstrate quite plainly that any graduate of Mottl's school had something on the ball (which couldn't be said about other scribes), Mottl saw to it that the bride's letters contained a fourth language, French, or rather French characters, in which Mottl was utterly proficient. Altogether, one may say that the groom and the bride played their writing game throughout a year, and they stopped only when the real preparations began for the wedding.

The wedding went off like all Jewish weddings. The bride's side didn't act quite properly, they weren't quite genteel, rather Jewish.... And the groom's side pouted and chaffed a bit and called the father-in-law a pig behind his back, which he fully deserved. But so what, it didn't matter: They had a drink, as people do; they made up again; the bride took leave of all her near and dear; they accompanied her till just beyond the town; they hugged, they kissed; they wept; they were sending away a daughter—and she was being taken away, to live with her in-laws.

XI.

## און ווידער אַ מאָל רחל׳ע.

דאָרט, ביי שוועהר־און־שוויעגער, האָט זיך אָנגעהויבען פֿאַר רחל׳ען אַ נייע וועלט. ווי אַ שנור, און איין־איינציגע שנור, און אַ געראָטענע שנור, האָבען זי אַלע גיך ליעב געקריגען און מע האָט זי אָפּגעהיט, געפּאַנקעוועט, געבלאָזען דאָס אָרט פֿאַר איהר. און ווער שמועסט די שוויעגער, דוואָסי־מלכה, וואָס האָט קוים דערלעבט אַזאַ נחת, האָט פּשוט דאָס לעבען אַוועקגעלעגט צוליעב איהר: נאָר „רחל׳ע און רחל׳ע!“ וואו ערגיץ אַ פעט שטיקעל פֿלייש, אַ מאַרכעדיג ביינדעל, אַ געשמאַקע זאַך — אַלץ רחל׳ען. גאַנץ פֿריה, רחל׳ע האָט נאָר־וואָס געעפֿענט די אויגען — אַהאַ, דאָס קריגעל ציקאָריע שטעהט שוין אויפ׳ן טיש. און דוואָסי־מלכה, וואָס איז, אייגענטליך, אַ פערנומענע, אַ מאַרק־אידינע, דרעהט זיך אַרום און זעהט, אַז די שנור זאָל האָבען אַלץ צו דער צייט.

— וואָס דאַרפֿט איהר זיך מטריח זיין, שוויעגער?

— נישקשה, טרינק, רחל׳ע, עס, רחל׳ע!

איין אַנדערס מאָל זעהט רחל׳ע, ווי די שוויעגער לויפֿט פֿון מאַרק אַהין אַ נשמה און פֿאַלט־אַריין אין קיך מיט קולי־קולות אויף די מענשען, שעלט און קאָרעניעט, גלייך ווי מע וואָלט זי דאָרט געקוילעט.

— וואָס איז, שוויעגער? — פֿרעגט זי רחל׳ע.

— איך האָב געמיינט, דו ביזט שוין לאַנג אויפֿגעשטאַנען, און די מילך שטעהט און זידט — זידען זאָל, רבונו של עולם, מיין מויד׳ס פּאַרע — און איך לויף, איך ווייס וואו איך בין אין דער וועלט? אין קלייט איז, קיין עין־הרע, איין ענגשאַפֿט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערען, און ער, מיין דאַליע, שטעהט די הענט פֿאַרלעגט אַרונטער, ווי אַ מחותן! איך בעט איהם רחמים: נעם טראָג־אַוועק אַהיים אָט אַ צוויי פֿרישע בייגעל! טאָמער ווילסט דו עסען — עס, רחל׳ע, גוטע בייגעל, איך קויף תמיד ביי לייציכען בייגעל. איך וועל ביי קיין אַנדער אידינע ניט נעמען, מע זאָל מיר אָנשיטען אַ פֿולע שטוב מיט גאָלד — גאָט מעג איהר טאַקי העלפֿען! וויפֿיעל זי קומט נעבאַך אָפּ פֿון איהר מאַן דעם שכור! ווי אַזוי טראָגט די ערד אויף זיך אַזאַ נפש — פֿאַרשטעה איך נישט, נאָר אַ בזיון דאָרט דעם טאַטען אויף יענער וועלט... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? משטיינס געזאָגט, דער קאָפּ איז מיר אַזוי פֿאַרשלאָגען... שאַ, אָן געהט זי שוין, די יפהפיה. מויד! וואו ביזט דו שוין געוועזען, מויד?

און דאָ געהט אַוועק אַ נייע צעטעל פֿון קללות מיט גוואַלדען פֿאַר דער מילך פֿון רחל׳עס וועגען, פֿאַר דער ציקאָריע פֿון רחל׳עס וועגען, פֿאַר דעם אָנבייסען פֿון רחל׳עס וועגען — הכלל, מיט רחל׳ען האַלט אין איין קאָכען די גאַנצע שטוב. אפילו דער שוועהר, וואָס איז תמיד געוועזען פערנומען מיט זיך און מיט זיינע געשעפֿטען, האָט אויך שטענדיג נאָכגעקוקט נאָך איהר, נאָכגעפֿרעגט אויף איהר.

דאָס גאַנצע אַרומפּאַרקעווען מיט׳ן אַרומטאַנצען אַרום איהר איז רחל׳ען, אייגענטליך, געוועזען אַביסעל פּריקרע, טאַקי אַריבער דער טבע; און דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז רחל׳ע איז געוועזען אַ סך ווינציגער צוגעלאָזט צו זיי, אַלס זיי צו איהר.

אַז מיר זאָגען „זיי“, מיינען מיר דאָס די שוועהר־און־שוויעגער, און משה־מענדל׳ען, דעם רעכטען פּאַרשוין, וואַרפֿען מיר אַרויס פֿון צעטעל, וואָרום צווישען דעם יונגען פּאָרפֿאָלק איז געוועזען אַזעלכע מחזקות, וואָס מע קאָן זיי נישט אָנרופֿען ניט גוט, ניט שלעכט. זיי, דאָס פּאָרפֿאָלק, האָבען צווישען זיך קיין סך נישט גערעדט, און טאַקי נישט געקאָנט רעדען: אַזאַ יונגערמאַן, ווי משה־מענדעל, וועט זיך ניט נעמען אַנידערזעצען אין מיטען בייטאָג אין דער היים רעדען מיט׳ן ווייב, און אויף דער נאַכט, קוים זענען זיי שוין יאָ געבליבען אַ מינוט אַליין, האָט דאָס אָבער טאַקי מעהר נישט געדויערט, ווי איין רגע: באַלד איז געקומען אָדער רב אייזיק־נפתלי און האָט אַריינגעקוקט צו די קינדער, אָדער עס האָט אָנגעטראָגען דוואָסי־מלכה׳ן מיט אַ קריגעל, מיט אַ טעפּעל, מיט אַ גלאָז, אָדער מיט אַ שאָל.

— אָט נעם אויף אַ ציקאַוועסט, רחל׳ע, און פֿאַרזוך אָט דעם איינגעמאַכטס.

— וועה איז מיר! איך האָב דאָך שוין אַ מאָל הונדערט פֿאַרזוכט אָט דעם איינגעמאַכטס, שוויעגער!

— ס׳אַ גראַם! געה שוין געה, קינד, וואָס דו רעדסט! אָט דעם איינגעמאַכטס האָסט דו נאָך אַפילו נישט אָנגעקוקט אין די אויגען.

און רחל׳ע נעמט ווידער אַ מאָל פֿערזוכען דעם איינגעמאַכטס, וואָס קריכט איהר שוין פֿון האַלז.

— אַ דונער איז מיר, רחל׳ע, ביזט דאָך פֿאַרחליאַנעט געוואָרען! טהו אַ קוק אַביסעל, ווי אַ מענטש עסט! פֿון וואָס דו לעבסט — ווייס איך נישט. כלעבען, מע וועט דיך דערזעהן עמיצער פֿון סקווירע, וועט מען דאָס מיך אַ קאָפּ אָנעלטען. אַ שענע שוויעגער — אַ געשוויר איהר אין דער לעבער! — וועט מען זאָגען. — פֿיין אויסגעהאָדעוועט אַ שנור — אַ שטריק איהר אויפ׳ן האַלז! וועה איז מיר, עס חאַטש עפּיס פֿון יוצא וועגען!

— לאָזט מיך, איך בעט אייך, צורוה, שוויעגער! איך בין זאַט, הלואי ביז מיין לעבען.

— נו, טהו מיר צוליעב, טאָכטער! מע טהוט צוליעב אַ מאָל אַ שוויעגער אויך; עלעהיי איך בין אַ מאַמע. נעם חאַטש איין פּיצעל און טהו מיר נישט אָן קיין יסורים!

## AND ONCE AGAIN RACHEL

There, with her in-laws, a new world began for Rachel. Everyone liked her instantly, the daughter-in-law, and the only daughter-in-law, and a lovely, intelligent daughter-in-law. And they doted on her, indulged her, they wouldn't allow a speck of dust on her chair. And the most doting of all was Dvosse-Malke, who was delirious at her good fortune and ready to lay down her life for Rachel. It was always "Rachel dear!" and "Rachel dear!" whenever there was a fat piece of meat, a juicy bone, a tasty morsel—always "Rachel dear!" No sooner would Rachel open her eyes in the morning than—aha!—the pitcher of chicory stood on the table. And Dvosse-Malke, who was actually a very busy person, a market woman—Dvosse-Malke would scurry about, making sure her daughter-in-law got everything the moment she needed it.

"Oh, please don't go to all this trouble, mother-in-law."

"No trouble at all. Drink, Rachel dear! Eat, Rachel dear!"

Another time, the mother-in-law came dashing home from the market up in arms, she burst into the kitchen, yelling at the hired help, cursing and scolding violently as though someone were murdering her.

"What's wrong, mother-in-law?" asked Rachel.

"I thought you were awake ages ago—and the milk is still standing there, boiling and boiling! Dammit, may the maid boil and steam! And I have to run around like a chicken without a head! The store's mobbed, God preserve us! And he, my dear husband, just stands there with his hands behind his back like some in-law at a wedding! I begged him to take home these two fresh bagels! In case you're hungry—eat them, Rachel darling, they're good bagels, I always get my bagels from Leytsikhe, I refuse to get them anywhere else, not for a king's ransom—May God help her, the poor thing, what a horrible time that drunkard of a husband gives her! How can such a monster exist on God's earth?!—I just don't understand it.... He's just an embarrassment to the father, may he rest in peace.... Yes, now what was I saying? Oh, I'm in such a dither! Wait, here she comes, our great beauty—the maid! Where've you been all day?!"

And out came a new series of screams and curses about Rachel's milk, about Rachel's chicory, about Rachel's breakfast—in other words, the whole house whirled around Rachel. Even the father-in-law, who was always preoccupied with himself and his business dealings, constantly looked in on her, asked after her.

All this wooing and worship were actually very unpleasant for Rachel and made her uncomfortable. And to tell the truth, Rachel wasn't as fond of them as they were fond of her.

When we say "they," we mean her father-in-law and mother-inlaw, of course. We're not including Moyshe-Mendel, the chief personage, for the relationship between the young people couldn't actually be called good or bad. They never talked very much with one another, and they really couldn't talk: A young man like Moyshe-Mendel can't just sit down at home, right smack in the middle of the day, and talk to his wife. And in the evening, if they did happen to be alone in a room, it never lasted for more than a minute. Either Isaak-Naphtali dropped in to see how they were, or else Dvosse-Malke brought in a pitcher, or a cup, or a glass, or a bowl.

"Just try it, Rachel dear, for curiosity's sake, and have a taste of these preserves."

"Goodness, mother-in-law. I've tasted these preserves a hundred times already!"

"C'mon, child, what are you talking about! You've never even laid eyes on these preserves!"

And Rachel had yet another taste of the preserves, which were already coming out of her ears.

"Gracious me, Rachel darling, you're just wasting away. How can you eat so little! I just don't see what keeps you alive! Goodness gracious me! If anyone from Skvirre sees you, they'll curse the dickens out of me! 'A fine mother-in-law! May she rot!' That's what they'll say! 'A fine way to feed a daughter-in-law! Hanging's too good for such a mother-in-law!' Please, just eat something for my sake!"

"Please don't, mother-in-law. I've had enough, really, I've had quite enough."

"Please, just as a favor to me, daughter. You can do a favor for your mother-in-law once in a while. Pretend I'm your mother! Just take a teensy bit, and don't be so mean to me!"

And Rachel choked down a teensy bit more, and she had more than enough, she was fed up with this life of hers, even though she knew they were loyal to her, completely devoted, and if she had wanted the blue of the sky, they would get it for her. Could there be any excuse? If Rachel had a wish, it had to come true!

און רחל'ע ווארגט זיך מיט נאך א שטיקעל און מיט נאך א שטיקעל, און עס ווערד איהר נמאס אזא לעבען, חאטש זי ווייסט גאנץ גוט, אז מע איז איהר געטריי, איבערגעגעבען ביז לעצט, און לאז זי זאגען, אז זי וויל דאס טעלערעל פונ'ם הימעל, בעקומט זי דאס: וואס הייסט, ס'איז א תירוץ? רחל'ע וויל — דארף עס זיין!

נאר א מענש איז ניט קיין אכס, ניט קיין גאנז, וואס זאל צופרידען זיין נאר מיט גוט האדעווען. א מענש קאן ווינציג־וואס הנאה האבען, אז מע זאל איהם נאכגעהן כסדר, אומעדום, פיסטריט, אפבלאזען יעדען ארט, וואו ער שטעלט א פוס, צעהלען זיינע טריט, אכטונג געבען אויף יעדען ביסען, אויף יעדען שלונג, הענגען איבער איהם, ווען ער זיצט, זיצען איבער איהם, ווען ער שלאפט — מיט איינעם ווארט, מע זאל האלטען זיין לעבען אינגאנצען אין פרעמדע הענד און איהם ניט איבערלאזען גארנישט...

אין אזא טרויעריגער לאגע האט זיך געפונען רחל'ע אין יענער צייט, וואס עס קומט־פאר די דאזיגע געשיכטע. רחל'ע האט נישט געהאט אפילו פאר וועמען זיך צו קלאגען. איהרע פאטער און מוטער האבען זי געהאלטען פאר איינע א גליקליכע, און זייערע בריעף צו איהר זענען תמיד געוועזן פול מיט נחת, מיט תענוג און מיט ברכות צו גאט ברוך־הוא, וואס ער האט זיי אזוי בעגליקט. און איהרע בריעף צו זיי זענען אויך געוועזן אנגעפילט מיט „ברכה והצלחה", מיט „נחת און פערגעניגען", מיט „ברוך־השם" און מיט „הלואי אויף ווייטער ניט ערגער", און האבען זיך שטענדיג אויסגעלאזט מיט „גליק און פריידען" און „פרייליכע הערצער אמן סלה".

טיעף אין הארצען האט זי געטראגען א פערדראס אויף משה־מענדל'ען, [illegible]מאי ער האט זיך געהאלטען וויטליך פון איהר און עפים אזוי ווי העכער פון איהר, עפים ניט איהר גלייכען, ווי דער שטייגער איז פון א אידישען יונגענמאנטשיק א תכשיט; ער קאן זיך ניט אראפלאזען אזוי נידעריג צום ווייב, עס קומט ביי איהם אוים עפים נישט גלאט, זעהר פריקרע... אינווענינ אין הארצען אבער האט זי משה־מענדעל גאר נישט פיינט געהאט; פערקעהרט, ער איז איהר געווען געטריי, זעהר געטריי, טאקי מיט איין אמת, גאנץ בתמימות. איינמאל איז רחל'ע עפים חרוב געווארען און איז געלעגען א פאר טאג צו בעט; דעמאלט איז משה־מענדעל נישט אפגעטראטען פון איהר די גאנצע צייט, געזיפצט, געהאט יסורים, אויסגעגאנגען באמת מיט אלע כחות.

— א צער־בעלי־חיים! — האט ער געזאגט צו דער מוטער און אויף זיינע אויגען זענען געווען טרערען. — מע דארף רופען דעם רופא אדער דעם פעלדשער. איך קאן דאס גאר נישט צוזעהן, ווי זי ליגט נעבאך אין א העליש פייער — א צער־בעלי־חיים!

אויפ'ן דריטען טאג איז רחל'ען גרינגער געווארען. משה־מענדעל איז דאך ניט אפגעטרעטען פון איהר, און אט דא, זיצענדיג ביי איהר צוקאפענס, האט משה־מענדעל געהאט א גוטע געלעגענהייט אביסעל צו פערברענגען און שמועסען מיט זיין שענער ליעבער רחל'ען. דערצו האבען זייביידע חשק געהאט — מע מוז דעם אמת זאגען. משה־מענדעל האט זיך צוגעזעצט צו איהר גאנץ נאהענט, אזוי נאהענט, אז איהר שענער קאפ, וואס איז געווען נאר האלב צוגעדעקט מיט א. ווייס טיכעלע, איז געווען כמעט ביי איהם אויף די הענד... רחל'ע האט אויפגעהויבען איהרע בלויע אויגען אויף משה־מענדל'ען און האט געווארט, טאמער וועט ער איהר עפים זאגען. משה־מענדעל האט אראפגעלאזט די אויגען אראפ. נאר אז זי האט אויסגעדרעהט דעם קאפ צום פענסטער, האט ער אויף איהר געקוקט, און אז זי האט אויף איהם א קוק געטהאן, האט ער אויסגעדרעהט דעם קאפ צום פענסטער. און אזוי האבען זיי זיך איבערגעווארפען מיט אויגען א היבש שטיקעל צייט אהן ווערטער. אינ'ם גאנצען יאהר נאך דער חתונה האט דאס דאזיגע פארפאלק געהאט אצינד א געלעגענהייט צו שמועסען צווישען זיך, נאר זיי האבען זיך נישט געקאנט איינשטעלען און האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי אנצוהויבען עפים א שמועס. רחל'ע, אלס ווייבעל, האט געהאט רעכט צו ווארטען, ביז ער וועט עפים זאגען, און ער, משה־מענדעל, אלס פיינער יונגערמאן, האט געווארט, ביז זי וועט עפים זאגען — און דערווייל האבען זיי ביידע געשוויגען, דורכווארפענדיג זיך מיט די אויגען.

— וואס איז, משה־מענדעל?
— וואס „וואס איז"?
— וואס קוקסט דו?
— ווער קוקט?
— דו קוקסט.
— איך קוק?
— ווער דען קוקט?...

רחל'ע דרעהט זיך אוים מיט דעם פנים צו דער וואנד, און משה־מענדעל נעמט דאס בערדעל אין די ציינער אריין און קוקט אויף רחל'ען לאנג־לאנג און זיפצט, ביז זי דרעהט־אוים דעם קאפ צו איהם און חאפט איהם, ווי ער קוקט אויף איהר און זיפצט.

— וואס איז, משה־מענדעל?
— וואס „וואס איז"?
— וואס זיפצסט דו אזוי?
— ווער זיפצט?
— דו זיפצסט.
— איך זיפץ?
— ווען דען זיפצט?...

און דאס פארפאלק ווערד ווידער אנשוויגען. משה־מענדעל רוקט זיך צו נאך נעהענטער, הוסט זיך אוים און וויל עפים אנהויבען צו רעדען.

— הערסט דו, רחל'ע, איך מיין עס אקעגען דעם, וואס דו זאגסט...

However, a human being's not an ox, not a goose, content just to be well-fed. A human being can't get much pleasure from having people run after him all the time, everywhere, worshiping the very ground he treads on, always at his heels, eyeing his every last morsel, every last sip, standing over him when he sits down, sitting over him when he sleeps—in a word, clutching his entire life in their hands and not leaving anything up to him....

That was Rachel's dismal situation at the time this story takes place. Rachel didn't even have someone she could complain to. Her parents thought she was happy, and their letters to her were always full of pride, joy, and blessings to God for all He had done for them. And her letters to them were also filled with "blessings and success," with "joy and pleasure," with "Blessed Be His Name," and with "knock on wood," and they always ended with "happiness and joy," and "joyous hearts, *amen selah!*"

Deep in her heart, she bore a grudge against Moyshe-Mendel because he kept far away from her and acted kind of superior to her, not like her equal, as is the custom of a young Jewish man, a gem! He can't go down to his wife's level, it doesn't seem right to him, it's unpleasant.... But in his heart of hearts, Moyshe-Mendel didn't dislike her, on the contrary, he was devoted to her, very devoted, quite naively so, in fact. Once, Rachel was quite ill and spent a few days in bed. Moyshe-Mendel never left her side, he moaned, he worried, he exhausted his strength.

"The poor thing!" he said to his mother, and there were tears in his eyes. "We've got to call the doctor or the healer. I can't stand this, she's burning up! The poor thing!"

By the third day, Rachel got better. Moyshe-Mendel never left her side, and, sitting there, by her pillow, he now had a chance to talk a bit with his dear, lovely Rachel. To tell the truth, both of them wanted to talk. Moyshe-Mendel sat very close to her, so close that her lovely face, wrapped in a white cloth, was almost in his hands.... Rachel raised her blue eyes to Moyshe-Mendel and waited for him to say something. Moyshe-Mendel looked down. But when she turned her head towards the window, he looked at her, and when she looked at him, he turned his head towards the window. And so they kept glancing at each other for a long while without speaking. This was the first time after a whole year of marriage that the couple had a chance to talk in private, but they couldn't quite arrange it, they didn't know how to start. Rachel, being the woman, had the right to wait until he spoke, and Moyshe-Mendel, being a fine young man, waited until *she* spoke—and meanwhile, both kept silent, exchanging glances.

"What is it, Moyshe-Mendel?"
"What do you mean what is it?"
"Why are you staring?"
"Who's staring?"
"You're staring."
"I'm staring?"
"Well, who *is* staring?"

Rachel turned to the wall, and Moyshe-Mendel began chewing on his beard, gazing at Rachel for a long, long time, and sighing, until she turned her head and caught him gazing and sighing.

"What is it, Moyshe-Mendel?"
"What do you mean what is it?"
"Why are you sighing?"
"Who's sighing?"
"You're sighing."
"I'm sighing?"
"Well, who *is* sighing?"

And again they fell silent. Moyshe-Mendel moved even closer, cleared his throat, and tried to begin:

"Listen, Rachel, about what you said—"

The door burst open and in ran Dvosse-Malke with a clamor:

"For goodness' sake! Didn't I *know* the turkeys would smash my china?! He got a yen for turkeys—just like that! All at once! ... How're you feeling, Rachel? You know what? I think you've got a fever. I can tell. Didn't I warn you not to stand outdoors without a scarf! Don't ever stand outdoors without a scarf! I sent for Kussiel the healer again. Isaak-Naphtali went himself."

"Why bother, mother-in-law? It'll pass, I'm getting over it. I'm going through a transition now."

"With you, everything's a transition. A fine transition! Come, come, child, just listen to yourself! I'll have to sit down here for a while...."

And Dvosse-Malke pushed a chair over to the bed and sat down.

"You know what, Momma?" Moyshe-Mendel suddenly exclaimed. "Why don't you go to the store? I'll sit with her."

And his eyes met Rachel's eyes, and he could read in them: "Oh, Moyshe-Mendel, you've hit the nail on the head!"

"Are you kidding?!" replied Dvosse-Malke and moved closer to

געמאַכט, אַז זי האָט זיך גאָר פֿערגעסען, וואָס זי איז, און האָט זיך צעזונגען, ווי אַמאָל, צעלאָזט גאָר אויפ׳ן אַלטען שטייגער, ווי מיידעלווייז. רחל׳ע האָט גאָר פֿערגעסען, אַז די שוויעגער איז דאָ אין שטוב און הערט יעדעס וואָרט, ווי אַזוי זי זינגט:

אוי, אַט דאָרט, אַט דאָרט,
אוי, אויף יענעם אָרט
שטעהען טייבעלעך צוויי — צוויי!
זיי שמועסען זיך, זיי קושען זיך...
נאָר וואָס פֿאַר אַ טענה האָבען זיי?
זיי קושען זיך און שמועסען זיך...

— אוי, אַ דונער איז מיר! נאַ דיר נאָך! — האָט רחל׳ע אויסגעשריגען און האָט זיך אַ חאַפּ געטהאָן, דערזעהען פּלוצים די שוויעגער.

— נישקשה, נישקשה, ווייס איך! — האָט זי די שוויעגער בערוהיגט און האָט זיך געמאַכט תמ׳עוואַטע, שמאָרענדיג מיט דער נאָז און אַריינקוקענדיג אין אַ סלאָי איינגעמאַכטס. — זעהסט דו, רחל׳ע, איך האָב מורא, אַז די אַגרעסען אונזערע זאָלען ניט אָנהויבען צוקערען; איך האָב שוין פֿאַר־אַ־יאָהרען געהאַט אַזאַ פּסק: העכער אַ האַלבער פֿוד איינגעמאַכטס איז פֿאַרפֿאַלען געוואָרען אַט אַזוי...

און ווער רעדט, פֿאַר משה־מענדל׳ען וואָלט זי ניט געזונגען פֿאַר קיין געלד: עס קומט אויס עפּיס משונה־נאַריש און זעהר פֿריקרע — נעמען עפֿענען אַ מויל פֿאַר׳ן מאַן אין די אויגען און זינגען... עס קאָן זיין, אַז משה־מענדעל וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט און וואָלט אפשר אַ גרויסער בעלן געווען דערויף. ער האָט זי געהערט אַ פּאָר מאָל אַ זינג טהון און ווייסט, אַז איהר קול איז צוקערזיס. נאָר וואָס פֿאַר אַ פּנים וואָלט ער געהאַט פֿאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל זיך פּלוצים אַנידערזעצען אין דער היים — הערען דאָס ווייב זינגען ליעדלעך? אַ שענע עובדא פֿאַר אַ לייטישען יונגענמאַנטשיק! עס זאָל זיך מאַכען על פּי מקרה זי הערען — מהיכי־תיתי... און עס פֿלעגט זיך אַמאָל מאַכען, נאָר זעהר זעלטען; דעמאָלט פֿלעגט משה־מענדעל בלייבען שטעהן, זיך גוט אָנהערען און נאָכדעם געבען אַ הוסט, צו בעווייזען, אַז ער קומט כלומרשט ערשט אָן, און זיך אַריינקומען אין שטוב אַריין כלא ידע...

אַט אַזוי האָט זיך אָפּגעלעבט רחל׳ע אַ קיילעכיג יאָהר, איינע אַליין, צווישען גוטע געטרייע לייט, איבערגעגעבענע ביז לעצט, און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס׳איז איהר געווען גוט, און מע קאָן ניט זאָגען, אַז ס׳איז איהר געווען שלעכט. זי האָט זיך געפֿיהלט צווישען אייגענע פֿרעמד, צווישען אייגענע עלענד, צווישען גוטע, טרייע — פֿערלאָזט. זיצענדיג אַזוי פֿערזאָרגט איבער איין אַרבייט, איין אויסנייהעכטס, פֿלעגט זיך רחל׳ע, ווי איהר שטייגער איז, אונטערזינגען, און פּלוצים פֿלעגט זי אָננעמען אַ האַרצקלעמעניש און עס האָט זי געצויגען אַהין, דאָרט, וואו זי האָט פֿערבראַכט איהרע קינדער־יאָהרען.

געפֿלויגען, געפֿלויגען
די גילדענע פֿויגעל
איבער אַלע ימ׳ען;
לאָזט זשע געריסען,
גילדענע פֿויגעל,
מיין ליעבער, האַרציגער מאַמען!
געפֿלויגען, געפֿלויגען
די גילדענע פֿויגעל
איבער אַלע טייכען;
לאָזט זשע געריסען,
גילדענע פֿויגעל,
מיין ליעבען, האַרציגען טאַטען...

דוואָסי־מלכה האָט ליעב געהאַט גאַנץ אָפֿט אונטער׳גנבה׳נען זיך אויף די שפּיץ־פֿינגער און אונטערהערען זיך וועגען וואָס זינגט די שנור.

— וואָס איז דיר, רחל׳ע, דו בענגסט אַהיים?

— אָך, ניין, שוויעגער! גלאַט אַזוי... — ענטפֿערט רחל׳ע שמייכלענדיג און ווישט־אויס די טרערען.

---

and pulled herself together upon catching sight of her mother-in-law.

"Now, now, it doesn't matter!" her mother-in-law calmed her down, pretending not to notice, sniffing and peering into a jar of preserves. "You know, Rachel, I'm worried the gooseberries won't turn out. I had the same rotten luck a year ago: eight quarts of preserves went bad on me...."

And needless to say, Rachel would never have sung in Moyshe-Mendel's presence for anything in the world: it would have been very silly and awfully unpleasant—opening her mouth right in front of her husband and singing....Perhaps Moyshe-Mendel wouldn't have minded, he might have been very interested. He had heard her crooning a few times and he knew that she had an angel's voice. But how would he have looked to himself if he suddenly sat down in his own home—and listened to his wife singing songs? A fine thing for a respectable young man! If he happened to hear her by chance—then okay....And it did happen, but very seldom. At such times, Moyshe-Mendel would stop, all ears, and then cough as though he were only just arriving, and enter the room as though nothing had happened....

Rachel spent an entire year like that, all alone, among good and loyal people, who were utterly devoted to her; and you can't say that her life was good, and you can't say that her life was bad. She felt alien with her relatives, solitary in her family, deserted among good, loyal people. Sitting morosely over her work, some piece of embroidery, Rachel would hum to herself out of habit, and all at once her heart would ache, and she would yearn for the place where she had spent her childhood.

*Flying, flying,*
*The golden birds,*
*Over all the seas,*
*Say hello,*
*You golden birds,*
*To my mother dear!*
*Flying, flying,*
*The golden birds,*
*Over all the rivers,*
*Say hello,*
*You golden birds,*
*To my father dear....*

Dvosse-Malke often liked to tiptoe in and eavesdrop on her singing daughter-in-law.

"What's wrong, Rachel, are you homesick?"

"Oh, no, mother-in-law....I'm just humming," answered Rachel, smiling and wiping her tears.

---

אָנגעקוועלט און געזאָגט: „אַ מאַנסבילשער קאָפּ אויף איהר; אַ מערכה, וואָס זי איז געבאָרען געוואָרען אַ נקבה, ווען ניט — וואָלט זי געסמאָלעט אַ וועלט"...

עס ווייזט אויס, אַז איהרע עלטערען האָבען דווקא יאָ פֿערשטאַנען, אַז עס ליגט אין זייער טאָכטער עפּיס אַ כח, עפּיס אַזאַ מין זאַך, וואָס מיר אין היינטיגע צייטען רופֿען־אָן טאַלאַנט; נאָר זיי, רחל׳עס עלטערען, אין יענער צייט, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער כח איהרער פֿון איבערנעמען אַ זאַך און איבערזינגען דאָס — ליגט ביי איהר אין קאָפּ, ווייל זי האָט אַ מאַנסבילשען קאָפּ. דער קאָפּ שפּיעלט ביי אונז, אידען, די גרעסטע ראָלע, מעהר אַלס אַלע צוויי־הונדערט־אַכט־און־פֿערציג אברים. אַ קאָפּ, אַ קעפּעלע! — אַט דאָס איז ביי אונז דער עיקר אַנטיק. נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, ביז פֿופֿצעהן־זעכצעהן יאָהר האָט רחל׳ע געזונגען, ווי אַ פֿריי פֿויגעלע: וואו ערגיץ אַ חזנ׳יש שטיקעל, אַ „נקדישך", אַ „כבקרת", אַזוי אויך אַ חסיד׳ישער ניגון, כלי־זמר־שטיק אַלערליי, — האָט רחל׳ע אויסגעזונגען אויף איהר ציכטיג קול, וואָס איז געווען אַ מחיה נפֿשות צו הערען. נאָר קוים איז זי אַ כלה געוואָרען, אַזוי האָט איהר די מאַמע געזאָגט:

— פֿע, גענוג, טאָכטער, דיר צו טערעלייקען. וועסט קומען צום שוועהר־און־שוויעגער אויף קעסט און וועסט זיך נאָר פּלוצים אַנידערזעצען ברימבלען — אַ שענעם פּנים פֿאַר לייטען!

רחל׳ע, פֿערשטעהט זיך, האָט פֿערשטאַנען, אַז ס׳איז ניט לייטיש, האָט זי געפֿאָלגט און האָט אויפֿגעהערט צו זינגען... נאָר לחלוטין אויפֿהערען צו זינגען האָט זי ניט אויפֿגעהערט, דען עס פֿלעגט זיך ביי איהר אַליין, אָהן איהר ווילען, אַרויסחאַפּען אַ געזאַנג, פֿון רגילות, אַפּנים, און וואָס איז זי שולדיג, אַז עס זינגט זיך פֿאַרט?... אַז מע זעהט, פֿון וואַנען דאָס וואַסער לויפֿט, קאָן מען דאָס נאָך פֿערשטעלען, אָבער אַז מע זעהט ניט, מע ווייסט ניט, פֿון וואַנען עס נעמט זיך — וואָס קאָן מען טהון?... ניט נאָר כלה׳ווייז, אפֿילו שוין נאָך דער חתונה האָט זיך איהר עטליכע מאָל

XIII.

## רחל'ע האָט שוין דאָס גוטע בריוועל.

מיר האָבען איבערגעלאָזט רחל'ען בשעת דעם „שלייער־וואָר־מעס" שטעהן ביי דער טיר און קוקען אויפ'ן גרויסען מאַרק־פּלאַץ פון דער שטאָדט מאַזעפּעווקע, פערטיעפט אין איהרע מחשבות, פון וועלכע מיר האָבען אויבען געשמועסט. די מחשבות איהרע זענען אָבער גיך איבערגעריסען געוואָרען דורך אונזער וואַהלען יונג — סטעמפּעניו'ן.

דער דאָזיגער פיינער בחור, וואָס האָט געוואָרפען איין אויג אויף רחל'ען, האָט גוט בעמערקט, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען פונ'ם טיש, האָט ער אַביסעל צוגעוואַרט און איז אויך אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אין דרויסען ביי דער טיר, און האָט תיכף פערבונדען מיט רחל'ען אַ שמועס וועגען זיין שטאָדט מאַזעפּעווקע און וועגען איהר שטאָדט סקווירע, וועלכע ער האָט גוט געקענט מיט אַלע בריקלעך, מיט אַלע איהרע אַנטיקלעך, אויסגעטונקען, ווי מע זאָגט; און פון דער שטאָדט יעהופּעץ האָט ער מיט איהר גערעדט; ער האָט געהערט, אַז זי איז אַמאָל געווען אין יעהופּעץ. רחל'ע האָט איהם געענטפערט איין וואָרט איבער צעהן.

— וואָס איז די מעשה — האָט זי סטעמפּעניו אַ פרעג געטהאָן — וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעהט אייך קיינמאָל ניט געהן אויפ'ן שפּאַציער, ניט שבת, ניט יום־טוב? איהר זענט שוין דאָ כמעט אַ יאָהר, העכער אַ יאָהר, און מע זעהט אייך נאָך ניט אויף דער באַרדיטשעווער גאָס! און פאַרקליבען האָט איהר זיך אַזוי וויים, אין עק שטאָדט, און איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר זענט היע... ערשט נעכטען בין איך געוואָהר געוואָרען, ווען איך האָב אייך דערזעהן... איך האָב נאָך נעכטען געוואָלט מיט אייך אַביסעל רעדען, קאָן מען ניט... איהר ווייסט דען נישט אונזערע אידישע שטעדטלעך? באַלד הויבט מען אָן צו רעדען, מע נעמט אין די מיילער אַריין... געהט זיך דורך, פאָלגט מיך, שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאָס... דאָרט איז די גאַנצע שטאָדט... למען השם, הערט איהר? למען השם, שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאָס!

רחל'ע האָט איהם קיין צייט ניט געהאַט צו ענטפערען, דען איהר געטרייע שוויגער דוואָסי־מלכה האָט בעמערקט, אַז די שנור איז ניטאָ ביי'ם טיש, איז זי געלאָפען זי זוכען, און אַז זי האָט זי געטראָפען שטעהן אין דרויסען ביי דער טיר מיט סטעמפּעניו'ן, האָט זי זיך אין פלוג אַביסעלע פערוואונדערט: „וואָס עפּיס אין מיטען דרינען אַט דאָ מיט איהם?" נאָר סטעמפּעניו, וואָס איז בכלל געווען אַ מזיק און אַ גרויסער בריה אין אַזעלכע ענינים, האָט זיך תיכף גענומען צו דוואָסי־מלכה'ן מיט די דאָזיגע ווערטער:

— מיר שמועסען דאָ מכח דער חתונה, מכח דעם רבינ'ס חתונה אין סקווירע... אייער שנור איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, ווען איך האָב געשפּיעלט אויף דעם רבינ'ס חתונה. זי געדענקט ניט דעם רבינ'ס חתונה...

— עס פאַרשטעהט זיך, ווי קומט צו איהר דאָס געדענקען? — האָט איהם דוואָסי־מלכה געענטפערט. — איך געדענק אָבער גוט. איך בין דעמאָלט געווען מיט מיין מאַן, און האָבען גענעכטיגט אין פעלד, — אַזאַ איין ענגשאַפט איז דעמאָלט געווען אין שטעדטעל.

— וואָס ווייסט איהר דאָס ענגשאַפט דעמאָלט! איך וועל אייך דערצעהלען שענערס... — האָט איהר סטעמפּעניו געענטפערט און האָט פערבונדען מיט דוואָסי־מלכה'ן אַ לאַנגען שמועס מכח פיעל פערשיעדענע ענינים, און אַזוי האָט ער זיך מיט איהר פעררעדט, און רחל'ע האָט זיך דערווייל אַרויסגעדרעהט און איז אַריינגעקומען צוריק אין שטוב אַריין צו דער כלה. מיר האָבען נאָך אויבען געזאָגט, אַז סטעמפּעניו האָט געקאָנט רעדען; מיר דאַרפען דערצעהלען נאָך אַ מעלה פון איהם, היינו: אויף צו רעדען מיט אַלטע ווייבער, פּלאַפּלען, פעררעדען זיי די ציינער, ווען מע בעדאַרף, האָט מען איהם אויך ניט בעדאַרפט פּיקען די צונג; ער האָט געקאָנט די מלאכה גוט. „אַ געלערענטע מכשפה — זאָגט די וועלט — איז ערגער, ווי אַ געבאָרענע". סטעמפּעניו איז אין זיין אַרבייט געווען אַ חריף; ער איז דורכגעגאַנגען אַ גוטען חדר, ווי מיר וועלען זעהן ווייטער.

„אַ העזה אַביסעל! — האָט זיך רחל'ע געטראַכט אין האַרצען. — זאָגען מיר, אַז איך זאָל, למען השם, זיין שבת בייטאָג אויף דער באַרדיטשעווער גאָס! למען השם? אַנדערש וויל ער ניט? אַ השגה אַביסעל! דאָס קאָן נאָר אַ כלי־זמר!"...

מיט אַזעלכע בייזע מחשבות איז רחל'ע געקומען צוריק פון דער חתונה, און אַז עס איז געקומען דער ליעבער שבת־קודש, אַז דער שוועהר און די שוויגער און אויך משה־מענדעל האָבען זיך געלעגט רוהען און קלויבען אַביסעל עונג־שבת פונ'ם זיסען שלאָף, פון וועלכען אידען האַלטען גאָר אַ וועלט פון כמה וכמה יאָהרען, — דעמאָלט האָט זיך רחל'ע, ווי איהר שטייגער איז, געזעצט איינע אַליין ביי'ם פענסטער און האָט געקוקט אויף דער גאָס אַרויס, צוברומענדיג זיך אַ ליעדעלע אונטער דער נאָז. דאָרט, אויף דער גאָס, האָט זי דערזעהן, ווי אַלע שבת, אויסגעצוואָגענע מיידלעך, מיט רויטע און מיט בלויע סטייגגעלעך אין די צעפּ, מיט רויטע, געלע, גרינע, מאָדנע קליידלעך און מיט הענטשקעלעך און מיט נייע גלאַנצענדיגע שיך אויף סקריפּקעס. דאָס געהען זיי אַהין, „אויפ'ן שפּאַציער", אויף דער באַרדיטשעווער גאָס. דאָרט וועלען זיי ווייזען, איינע די אַנדערע, זייערע רויטע, בלויע סטייגגעלעך, מיט זייערע רויטע, געלע, גרינע קליידלעך. דאָרט וועלען זיי חאַפּען אַ קוק פון דער ווייטענס, פערבייגעהענדיג, ווי דער מנהג איז ביי אונז, אויף

## RACHEL RECEIVES THE GOOD LETTER

We left Rachel in the middle of the veiling lunch, standing by the door and staring at the huge marketplace of the town of Mazepevke. She was deep in her thoughts, which we spoke about earlier. However, her thoughts were quickly interrupted by our bold friend Stempeniu.

This fine fellow, who had an eye on Rachel, noticed her leaving the table. He waited a bit and then went out after her. Stopping by the door, he started a conversation about his town, Mazepevke, and her town, Skvirre. He knew her town very well, all its little bridges, all its fine sights, like the palm of his hand, as they say. And he also talked to her about the city of Yehupets, he had heard she'd been there once. Rachel only replied to every tenth word.

"How come," Stempeniu asked her, "how come nobody ever sees you takin' a walk, not even on *Shabbes* or holidays? You've been livin' here for almost a year, more'n a year, and no one ever sees you on Berditchev Street. You live so far away, at the end of town, I didn't even know you were here.... I only found out yesterday when I saw you.... I wanted to rap with you a little yesterday, but I couldn't.... You know what these Jewish towns are like. You start to talk, and soon everyone else is talkin' about you.... Listen, just go for a walk on Saturday afternoon on Berditchev Street.... The whole town's out there.... Positively, you hear? Positively, Saturday afternoon, on Berditchev Street!"

Rachel didn't have time to answer, because her devoted mother-in-law Dvosse-Malke had noticed she wasn't at the table. She went to look for her, and when she found her standing outside by the door with Stempeniu, she was a bit surprised at first: "Why is she suddenly standing there with him?" However, Stempeniu, who was generally rather cunning and knew what to do in such cases, instantly turned to Dvosse-Malke:

"We're talking about the wedding, the rebbe's wedding in Skvirre.... Your daughter-in-law was still a child back then, when I played at the rebbe's wedding. She doesn't remember it at all...."

"Of course not. How is she supposed to remember?" Dvosse-Malke replied. "But I remember it very well. I was there with my husband, and we spent the night outdoors because the town was so jammed."

"Jammed?" Stempeniu went on. "I can tell you a lot more." And he launched into a lengthy conversation with Dvosse-Malke about different things, smooth-talking his way out of the predicament. And meanwhile, Rachel excused herself and went back indoors to the bride. We've already said that Stempeniu had a way with words, and we have to tell you about another quality of his: He could talk with elderly women, chatter glibly, wind them around his little finger—he had a tongue in his head, and he spoke like an angel. There's an old saying: "An educated witch is worse than a born witch." When it came to glibness, Stempeniu was a sage. He had been to a good school, as we shall see.

"He's got his nerve," Rachel thought to herself. "Ordering me to be on Berditchev Street on Saturday afternoon—positively! Positively? He won't have it any other way? What an idea! Only a musician could talk like that!"

These were the dark thoughts with which Rachel came back in to the wedding. And when the dear Holy Sabbath came, and her in-laws and also Moyshe-Mendel lay down for their naps to take a bit of Sabbath pleasure from their sweet sleep—which Jews have thought the world of since time immemorial—Rachel, as usual,sat down alone at the window and stared out into the street, humming a song to herself. There, on the street, as on every Sabbath, she saw girls with freshly washed hair, with blue ribbons in their braids, with red, yellow, green dresses, with gloves, and with shiny-new, squeaky shoes. They were going out for their "promenade" on Berditchev Street. They wanted to show off their red or blue ribbons, their red, yellow, green dresses. They wanted to have a far look, in passing, as is our custom, at the boys, at the handsome boys in cloth coats, long trousers, and with shiny vizors on their Sabbath caps. The girls would then modestly lower their eyes, and their cheeks would turn crimson with embarrassment, and their hearts.... In short, they were going to live it up!

גדלות, האַלב אויף כלי־זמר־לשון: „זעהט איהר, ממזרים, אַט דער פּיטיוקעל וועט מיר געבען פּאַפּע אויף דער עלטער. נישקשה, איך מעג זיך אויף איהם פאַרלאָזען".

דעם אַלטען בערעל באַס איז אָבער ניט בעשערט געווען אויף דער עלטער צו זעהן ביי זיך זיין געליעבטען זוהן. סטעמפּעניו האָט זיך צו פּופּצעהן יאָהר אָוועקגעלאָזט, מיט אַ דרייערעל אין בייטעלע און מיט איין אַלטער, צעבראָכענער פידעל אונטער'ן פאַדעלעק, וואַנדערען אויף דער וועלט. ער האָט זיך אויסגעוואַלגערט וואו איהר ווילט, אין אַ סך שטעדט און שטעדטלעך, צווישען פיעל פערשיידענע קאָמפּאַניעס כלי־זמר. מעהר ווי אַ האַלב יאָהר האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקאָנט האַלטען אויף איין אָרט. עס האָט איהם אַלץ געצויגען ווייטער און ווייטער: פון מאַזעפּעווקע קיין סטעפּעווקע, פון סטעפּעווקע קיין קאָרעץ, פון קאָרעץ קיין באַלטע, פון באַלטע קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און פון דאָרטען קיין באַרדיטשעוו, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז אָדעס. און פון אָדעס האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט צוריק — ווידער וואַנדערען איבער קליינע שטעדטלעך, וואו מע קאָן זיך לאָזען הערען, האָבען אַ נאָמען, זיך קונה שם זיין. און עס איז טאַקי אַזוי געווען: אין יעדען אָרט, וואוהין סטעמפּעניו איז געקומען, האָט מען שוין געהערט פון איהם פריהער. אידען האָבען געהערט, אַז עס פאָהרט אַרום אויף דער וועלט אַ געוויסער סטעמפּעניו, וואָס מיט זיין שפּיעלען לאָזט זיך אויס די וועלט. דעריבער איז גרינג צו פערשטעהן דעם רעש, וואָס עס איז געוואָרען אין יעדער שטאָדט, וואוהין סטעמפּעניו איז געקומען מיט זיין קאַפּעליע. דען סטעמפּעניו, פערשטעהט איהר, האָט צו אַכצעהן יאָהר שוין געהאַט איין אייגענע קאָמפּאַניע, און איז אַרומגעפאָהרען און האָט געשפּיעלט נאָר אויף געוויסע, רייכע חתונות, און אַזוי מיט דער צייט האָט סטעמפּעניו אָוועקגעלעגט אַלע אַנדערע קאָמפּאַניעס, ווי, למשל, די „קאַנאַטאָפּער כלי־זמר", וואָס האָבען אויך גענוג גע'שמ'ט, די „סמילער", די „וויניצער", די „שאַראַגראַדער" און נאָך פיעל בעריהמטע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבען זיך געלאָזט הערען אויף דער וועלט.

עס פערשטעהט זיך, אַז קיין גוטע פריינד האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפט, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסען דעם בעסטען ביסען פון די כלי־זמר'ס מויל, און מע פלעגט אַנווינשעווען גענוג צרות מיט שלעק אויף זיין קאָפּ. נאָר אין די אויגען האָט מען איהם גע'חנפ'עט, און אין הארצען האָט מען אויך געהאַט גענוג אַפּשיי פאַר איהם. יעדער כלי־זמר האָט געוואוסט אינווענינג, ביי זיך אין האַרצען, אַז קוים נעמט סטעמפּעניו דאָס פידעלע אין האַנד אריין, אַזוי מעגען שוין אַלע כלי־זמר זיך לעגען שלאָפען.

די חברה כלי־זמר, דאַרפט איהר וויסען, האָבען פון תמיד אָן ליעב גוזמאות. ביי זיי געפינט איהר ספּורי־מעשיות, וואונדערליכע ערצעהלונגען, לעגענדעס אָהן אַ שיעור. אויף סטעמפּעניו'ן האָבען זיי דערצעהלט אין יעדען אָרט שרעקליכע גוזמאות, און אויף זיין פידעלע האָט מען געזאָגט, אַז עס וואַכסט פון פּאַגאַניני'ן אַליין. אַז מע האָט דערהערט, אַז סטעמפּעניו דאַרף אָנקומען מיט זיין „קאַפּעליע", האָבען איהם די שטאָדט־כלי־זמר, געוועהנליך, גענוג אָנגעשאָלטען, און ווער שמועסט זייערע ווייבער האָבען פּשוט גע־רעגענט מיט קללות, מע זאָל גאָר בעהיט ווערען.

— אַ גאַנץ קיילעכיג יאָהר, מע דאַרט, מע קוואַרט, מע באָרגט מע משכונ'ט, מע עסט פון זיך די הויט. וואָס איז? ראש־חודש אלול וועט זיין אַ חתונה ביי'ם נגיד. צום סוף קומט אַ רוח, אַ שלים־מזל פון אַלדי שוואַרצע יאָהר, אַ סטעמפּעניו, און רייסט־אַרויס דעם ביסען פון די צייהן, פאַרחאַפּט זאָל ער נאָר ווערען!...

נאָר קיין אמת'ע שונאים האָט זיך סטעמפּעניו ניט געקויפט אין ערגיץ. ער איז געווען אַ גוט ברודערעל ביז גאָר: אָפּגעשפּיעלט די חתונה, האָט ער זיך צענויפגעקאָמפּאַניעט מיט דער חברה שטאָדט־כלי־זמר און געלאָזט מאַכען אַ וואַרעמעס מיט דער ברייטער האַנד, נישט געקאַרגט קיין שנאַפּס, פיין אונטערגעלעבט, זיך שען צעצאָהלט, און פאַר'ן אָוועקפאָהרען צעטיילט דעם קליינוואַרג מתנות. מיט איינעם וואָרט, ער האָט זיך אויסגעשטעלט מעשה־מענש, גאָר ליטיש.

— הערט איהר? — האָבען די כלי־זמר'קעס נאָכדעם גערעדט צווישען זיך. — הערט איהר? אַ אידישע נשמה טאָר מען ניט שאַצען.

נאָר מעהר ווי ביי אַלע האָט סטעמפּעניו געפונען חן אין די שוואַרצע אָדער בלויע אויגען פון די כלי־זמר'ס טעכטער, די מיידלעך, צו וועלכע ער האָט זיך אומעדום גע'שדכנ'ט. און ווען ער האָט געשוואָרען דעם כלי־זמר'ס טאָכטער, אַז ער איז אין איהר איינגעליעבט ביז לעצט, האָט איהר איהם געמעגט גלויבען: בשעת מעשה איז ער באמת געווען אין איהר איינגעליעבט (צום מיינסטען, זענען ביי די כלי־זמר שענע טעכטער). נאָר קוים איז סטעמפּעניו אַריבערגעפאָהרען איבער דער ראָגאַטקע, אַזוי איז זיין ליעבע פערשוואונדען געוואָרען מיט'ן ווינד און מיט'ן רויך. און געקומען אין דער צווייטער שטאָדט, האָט ער זיך ווידער באַלד איינגעליעבט אין אַ דאָרטיגען כלי־זמר'ס טאָכטער; ווידער געשוואָרען, נעחאַפּט די ערד, אַז ער ליעבט זי, אַז ער עקט זיך, געשענקט מתנות, אָפּגעזעגענט זיך, אָוועקגעפאָהרען — און ווידער די אייגענע מעשה...

